סוף־חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פֿאַרטמאַן סטריט, וו.1.

**זונטאַג, דעם 27־טן יוני, 8 אַזייגער**

## דעם אנדענקן פון נחום באמזע, שמערקע קאטשערגינסקי און י. י. סיגאל

**עס וועלן רעדן: י. א. ליסקי און מ. מינדעל**

**לייענען און רעציטירן: זעליג עפּעלבוים, נעט רובין.**

**פֿאַריזץ: א. נ. שטענצל.**

---

**משה דאַמב** גרייט צו צום דרוק צוויי ביכער דערציילונגען א. נ.: „צעבראָכענע מענטשן", עסייען „וועגן יעדן און אַלעמען".

---

## רעדאקציע נאטיץ

דער אַרטיקל פון יוסף פרענקל א.א. אין קומענדיקן נומער. אויך די לאָנדאָ־נער קולטור־ידיעות. איבער טעכנישע און מאַטעריעלע שוועריקייטן פאַרשפּע־טיקן מיר אַביסל מיטן דערשיינען פונם זשורנאַל היינטיקן חודש. דער קומענ־דיקער „לשון און לעבן" וועט זיין אַ פאַרגרעסערטער און ער וועט זיין אַ טאָפּל נומער יולי־אויגוסט.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**


*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

170

# לשון און לעבן


**חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור**

נומער 7־8 (העפט 5־174) פופצנטער יאָרגאַנג יולי־אויגוסט 1954 לאָנדאָן


א י נ ה אַ ל ט:


| | | |
|---|---|---|
| בין המצרים | ** | 1 |
| ר׳ מאירל (דערציילונג) | אסתר קרייטמאַן | 3 |
| צוויי עפּיזאָדן מיט דער שרייבערין אסתר קרייטמאַן | אייזיק גאָלדבערג | 12 |
| ווען דער ליבער זומער קומט (לידער) | י. ה. לעווי | 14 |
| עס לאַכט זיך נישט מער . . . (פעליעטאָן) | קייטי בראון | 16 |
| שפּיל פאַר מיר, דער סוד (לידער) | בן־א. סאָכאַטשעווסקי | 19 |
| נאָך וואָס מ׳ברויך די נאַכט, מלאכים, אַ רעפּעראַט איבער אייער (פון בוך „פּאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט") | שמואל וועהייט | 21 |
| מאַלינא (דערציילונג) | משה דאָמב | 24 |
| שיחות חיות ועופות (באַלאַדעס, לידער און משלים) | א. נ. שטענצל | 31 |
| העלענא פראַנק (די פרץ און ביאַליק איבערזעצערין) | יוסף פרענקעל | 38 |
| פונם יידישן ישוב אין פראַנקרייך (רעצענזיע) | י. א. ליסקי | 41 |
| לאַנדסמאַנשאַפטן (אַן איבערבליק) | ס. עלשטיין | 44 |
| די אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, דער יידישער וועלט קאָנגרעס און זיין טעטיקייט (באַריכטן) | משה בעקערמאַן | 46 |
| מר. באַרנעט באַנקס׳ (נעקראָלאָג) | יעקב טיילאָר | 48 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 48 |



**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אבאָנענט־פרייז —19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד —5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

## 25 יאָר — „דער שפּיגל“

דער געזעלשאַפטלעכער זשורנאַל „דער שפּיגל“ פון בוענאָס איירעס אין אַרגענטינא, רעדאַקטירט פון דעם גוט־באַקאַנטן שרייבער גרוזמאַן, פּייערט איצט 25 יאָר פון זיין עקזיסטענץ.

ס׳איז אָן שום ספק אַז דער זשורנאַל מיט זיין ליבע צו יידיש און אַלץ וואָס איז יידישלעך, האָט גרויסע פאַרדינסטן צום אויפהאַלטן דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער אינם יידישן ישוב.

מיר באַגריסן דעם רעדאַקטאָר און מיר ווינטשן אים נאָך פיל פּרוכטבאַרע יאָרן.

## משה גראָסמאַן 50 יאָר

עס איז זער דערפרייענדיק צו וויסן, אַז אין ישראל האָבן יידישע און העברעאישע שרייבער געפייערט צוזאַמען דעם יובל פון דעם גוט באַקאַנטן יידישן שרייבער משה גראָסמאַן — מגלגלין זכות על ידי זכאי. עס איז אַ גוטער סימן און אַ גוטער אָנהויב. עס איז שוין צייט אַז אין יידישן לאַנד זאָלן יידיש־ און העברעאיש־שאַפנדיקע מענטשן מקיים זיין דעם פסוק: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד“. מיר, פון דאַנען, שיקן די חברישע גריסן דעם בעל יובל.

## ראש השנה ווונטשן

מיר דערמאָנען אונזערע פריינט און אַבאָנענטן באַצייטנס אַריינצושיקן זייערע באַגריסונגען און ניי־יאָר ווונטשן פאַרן קומענדיקן נומער. פאַרגעסט נישט דעם טראַדיציאָנעלן יידישן מנהג. עס וועט אויך זיין אַ הילף פאַר אונזער קולטור אַרבעט.

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 7־8 (העפט 5־274) פופצנטער יאָרגאַנג יולי־אויגוסט 1954 לאָנדאָן

## בין המצרים

.1

תמיד געפינען מיר זיך „בין המצרים“, צווישן ענגע גרענעצן, ווו די געפאַרן לויערן פון אַלע זייטן, ווו בייזע צוג־ווינטן קאָנען זיך אויפכאַפּן יעדע רגע. תמיד שוועבט די שרעק אונז פאַר די אויגן „אשרי אדם מפחד תמיד“ —

אָבער אונזערע געפאַרן ליגן בכלל נישט אויפן פּאָליטישן, צי אויפן סטראַטעגישן געביט, צי גאָר אויפן ווירטשאַפטלעכן פון ווו מיר הערן כסדר די ס.א.ס. אַלאַרם־רופן. זיי ליגן אַפילו נישט אויף די מאָראַלישע עטישע ליניע ווו מיר זיינען שוין גענוג טיף געפאַלן און גאָר ענג באַגרענעצט.

אויף די אַלע געביטן און ליניעס, ווי געבראָכן זיי זאָלן שוין נישט זיין און ווי ענג באַגרענעצט, קאָן אַ פאָלק זיך נאָך אַלץ דרייען אויפן קנאַפּל. דאָס זיינען אַזעלכע ענינים וואָס צייט קאָן זיי ענדערן. די אַלע אויסערלעכע און רוימלעכע ענינים זיינען סוף כל סוף נאָר געבונדן מיט אומשטענדן און ביי אַלע אויסרעכענונגען שפּילט דער צופאַל אויס די לעצטע קאָרטן; די אַלע זאַכן און געביטן ליגן אויפ׳ן שטח פון סיטואַציעס.

היינט איז די לאַגע אַזאַ און זי קאָן שוין מאָרגן זיין דווקא אַנדערש — איין קריזיס ענדערט די גאַנצע אַטמאָספערע. די טעמפּעראַטורן פאַלן...

און אַפילו ווען מען זעט שוין דעם מלאך המוות פאַר די אויגן קאָן נאָך אַלץ קומען דער מלאך פון „לית ברירה“ און אַרויסראַטעווען פון אַלע געפאַרן.

מ׳קאָן אויך אַמאָל אַוואַנטוריסטיש איבערטרומפן יוסטע מלכים און דווקא אויסשפּילן אַ שוואַכע קאָרט! פּאָליטיק און ווירטשאַפט זיינען סוף כל סוף נאָר אויסערלעכע ענינים און עלעמענטן פון קאָניעקטור. איין דיפּלאָמאַטישער געלונגענער איינפאַל קאָן פירן צו נייע פאַרבינדונגען, איין ניי דערפונדן אַרטיקל אַמאָל ענדערט די גאַנצע ווירטשאַפט לאַגע.

אַפילו מאָראַל און עטיק געהערן נאָך צו די אויסערלעכע ענינים פון אַ פאָלק: „דאָס געזעלשאַפטלעכע זיין באַשטימט דאָס באַוווסט זיין“ — די גרענעצן שאַפן געזעצן און שאַפן זיי אָפּ! מען קאָן לעבן ענג באַגרענעצט און דווקא זיין דאָס וואָס מען איז — אַ פעסטער כאַראַקטער וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויף זיכער באָדן . . .

אָבער אַז מען פאַלט גייסטיק און עסטעטיש ווערט מען כאַראַקטערלאָז, אינערלעך באַגרענעצט און פאַרדאָרבן. מען ווערט אָפּגעשניטן פון די וואָרצלען, אָפּגעריסן פונם יסוד, פונם מקור. מען פאַרלירט דעם טאַקט פון יעדער זאַך און ממילא דעם קאָנטאַקט. אָן פינגער־שפּיצן־געפיל הערט אויף יעדע מענטשלעכע פאַרבינדונג.

ווען אַט די ענגע גרענעצן פון אַ פאָלק שליסן זיך איז עס געכאַפּט אין אַ לאַמפּע, פון וועלכער עס באַפרייט זיך שוין נישט אַזוי לייכט. ווען אַט אַ די שרעק הייבט אָן צו שוועבן פאַר די אויגן, זאָל שוין איין גאָט שומר ומציל זיין.

.2

די מאָראַליש אויפשוידערנדיקע ס.א.ס.־אַלאַרמען וואָס קומען איצט פון ישראל: קאָרופּציע, שענדלעכע בוגדים־פּראָצעסן פון הויכע פּקידים, דער נידריקער ניוואָ פון דער ישראל יוגנט, זיי זיינען נאָר נאַטירלעכע אָנהויבן ערשט, אויב די אַזוי־גערופענע דייטשע „שלמים" וועלן נישט תיכף אָפּגעשטעלט ווערן; זיי זיינען ערשט די קליינע ערשטע געשווירלעך אויפן אָנגעשטעקטן לייב פון די אָנגעשטעקטע „אתנן־זונה׳ס" — די ערשטע סימפּטאָמען!

„די ישראל־דעלעגאַציע האַלט, מיט רעכט, אַז דער לוקסעמבורגער אָפּמאַך אַליין קען נישט גענוג זיין, בכדי צו דערמעגלעכן אַ פולע דורכפירונג פון די ׳שילומים׳. מען מוז טאָג־טעגלעך זיין אויף דער וואַך, אינפאָרמירן די דייטשע עפנטלעכקייט, געווינען פרישע סימפּאַטיע" . . .

אין דער העברעאישער פּרעסע זינגען שוין מאַנכע דאָס „על אחת כמה וכמה"־ליד צו מערב דייטשלאַנד, ווי צו דעם נאַטירלעכן וואָפן־ברידער. און באמת האָבן זיי, די ליבע דייטשן, נישט אויסגעראָטן דעם נידריקן „אָסט יודן" און די „גלות־קולטור" פאַרטיליקט? און דער עיקר „ונתן לנו את ממונם"?

און מיר, די לאָנדאָנער יידן, מיר ברויכן נישט ערשט צו נאָטירן צייטונג־נאָטיצן פונם „דבר" מכוח אַ בריוו עפּעס פון אַ יונגן צאַברע אין דער שווייץ... „אונזערע" בני ציון היקרים ערקלערן עס אָפן פאַר גויאישע טירן ווו עס איז אָנגעשריבן „נישט פאַר יידן", אַז זיי, ווי צאַברעס געהערן זיך לגמרי נישט אָן מיט דער נידריקער יידן־ראַסע, זיי זיינען „איזראַעליס" — — —

אָבער די אַלע סימפּטאָמען וואָס מערן זיך איצט ווי דריטע מכה, זיינען בלויז אויסערלעכקייטן, „קלעפּיקייטן פון ערשטער סטאַדיע" — זיי זיינען קוים פון אויסערן כאַראַקטער! זיי קענען געענדערט ווערן, ווייל זיי געהערן צו פאָליטיק, צו דערציאונג.

אָבער די חוצפּהדיקע אַראָגאַנץ פון די אַרומרייזנדיקע קולטור־מגידים, די „שפה־לועזית"־באַקעמפער, זייער שליחות שמעקט שוין מיט „קמצא־ובר־קמצא"־פאַרדאָרבנקייט. דאָס איז שוין אינערלעכע כאַראַקטערלאָזיקייט, אָן שום דרך־ארץ פאַר טויזנט־יאָריקע גייסטיקייט, וואָס גייט איבער בירושה אין בלוט פון פאָלק, געטראָגן ביז צו די שפּיצן פון די פינגער, דאָס זיינען שוין מענטשן אָן שום טאַקט־געפיל און עסטעטישן חוש.

מיט זייער דעקרעט וואָס זיי ווילן דערגרייכן, געגן אונזער פאָלק־שפּראַך, וועלן זיי אונטערזעגן דעם צווייג אויף וועלכן זיי זיצן — „אשרי אדם מפחד תמיד ומקשה לבו יפול ברעה"! מיר שטייען איצט אין פאָליטישן בין־המצרים און דערפאַר איז מעגלעך אַז דאָס ערגסטע חלילה קאָן געשען — דעריבער וואָרענען מיר!



אסתר קרייטמאַן

# ר׳ מאירל *

יענעם אָוונט איז ר׳ מאירל אַהיימגעקומען פון שול אַ צערודערטער.

די בית דין שטוב איז געווען איינגעהילט אין שווערע שאָטנס. דער שטיי־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן גרויסן, ברוינעם טיש האָט געוואָרפן דאָס ליכט אויף די ספרים און כתבים, וואָס זיינען געלעגן און געוואַרט אויף ר׳ מאיר׳לען ער זאָל איבערבייסן און זיך אָוועקזעצן לערנען, ווי זיין שטייגער איז געווען.

אָבער ר׳ מאירל האָט לחלוטין פאַרגעסן, אַז היינט איז געווען מאָנטיק, אַז ער האָט היינט געפאַסט, אַז ער זיצט אינם שווערן סאַמעטענעם פוטער מיט ביידע הענט אין די קעשענעס און קוקט סתם אין חלל אַריין, אַז מנשה, דער שמש, האָט אים שוין דריי מאָל געפרעגט, צי ער זאָל הייסן אַריינברענגען עסן. לסוף האָט מנשה אַריינגעשיקט די רביצין אין בית דין שטוב אַריין.

ר׳ מאירל האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעטון דאָס פוטער. נעבן זיינע פיס אויף דער פאָדלאָגע איז געשטאַנען אַ קאַלוזשע וואַסער, פונם צעגאַנגענעם פראָסט אויף די שיך. ער האָט אויסגעטון דעם ספּאָדיק, אָנגעטון זיך די יאַרמולקע און זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן, אין דער הילצערנער לענשטול לערנען און שרייבן.

אין חדר איז געווען אַזוי שטיל, אַז דאָס קריצן פון דער פעדער, וואָס ר׳ מאירל האָט מיט איר געשריבן זיינע הגהות, האָט זיך שטאַרק געלאָזט הערן. ער האָט געשריבן, געמעקט, ווידער אַמאָל געשריבן און ווידער געמעקט. ס׳איז אים נישט געגאַנגען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך. ער האָט שיער נישט דערגרייכט די סטעליע. ער איז צוגעגאַנגען אַרויסנעמען זיך אַ ספר.

די ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט ספרים — אַלערליי ספרים: אַלטע אַנטיקן פון דער ערשטער דרוק נאָך, געבונדן אין גראָבן לעדער מיט ברייטע אָפּגעריבענע רוקנס. גמרות, יורה דעות, מגן אברהם׳ס, תנ"ד׳ן. אַלץ האָט ער געהאַט צו עטלעכע מאָל. טייל זיינען געווען דעם שווערס, ווו ער האָט געגעסן קעסט, אפילו איצט נאָך, ווען ער איז שוין געווען דער רב פון שטעטל; טייל, וואָס ער האָט געקראָגן צו דער חתונה. נעבן די גרויסע, בייכיקע ספרים זיינען געשטאַנען אַלערליי ספרימלעך פון היינטצייטיקע רבנים און סתם יידן למדנים, וואָס האָבן געשריבן חידושים און פירושים און האָבן זיך געטוליעט, ווי קליינע קינדערלעך צו גוטע, ערנסטע דערוואַקסענע מענטשן סאָלידע און קלוגע...

ער האָט עפּעס געזוכט, נאָכגעקוקט, און נאָכאַמאָל נאָכגעקוקט, אָבער ער

* אויף דעם אָוונט, װאָס „פריינט פון יידיש לשון" האָט איינגעאָרדנט לזכרון פון אסתר קרייטמאַן ע"ה צו די שלושים פון איר טויט, האָט איר מאַן אברהם קרייטמאַן פאַרגעלייענט די דערציילונג.

האָט נישט געפונען דאָס, וואָס זאָל אים באַלייכטן, דאָס וואָס אים איז נישט קלאָר געווען. עס האָט זיך היינט נישט געלערנט. האָט ער לסוף אַרויפגעלייגט די קעשענע פּאַטשיילע אויפן ספר, פאַרבויגן אַ בלעטל אויפן כתב־יד, און גענומען אַרומדרייען זיך אַהין און צוריק איבער דער גרויסער בית דין שטוב. זיין שאָטן האָט מיט אים מיטשפּאַצירט. דאָ אויסגעלייגט זיך אויף די ווענט, דאָ אויסגעצויגן זיך, ווי אַ גיגאַנט אויפן דיל. באַלד משונהדיק דיק און קורץ געוואָרן.

דער שטיי־לאָמפּ אויפן טיש האָט קיין פּיצל ליכטיקייט איבערן חדר נישט געשפּרייט, געהאַלטן עס אין טיפער טונקלקייט. ער האָט זיך לסוף אַוועקגעזעצט אויבנאָן ביים טיש, ווי פריער. ער האָט אַריינגעשטעקט ביידע גרויסע, ברוינע הענט אין די אַרבל אַריין און נישט געפּרוווט מער.

ער האָט גאַנץ ווויל געזען, אַז דער היינטיקער אָוונט איז שוין אַ פאַרפאַלענער, אַז היינט וועט ער שוין נישט לערנען, און שרייבן זיינע הגהות אוודאי און אוודאי נישט. זיינע טיפע טונקעלע אויגן האָבן געגלאַנצט. די מאַט ברוינע באַקן, וואָס האָבן זיך פריער געהאַט איבערגעגאָסן מיט אַ טונקעלער רויטקייט, בשעת ער איז אַהיימגעקומען פון שול אין דער קלאָרער, פראָסטיקער נאַכט, זיינען איצט געווען געל־ברוין. דער יונגער הויכער שטערן האָט זיך געקנייטשט, ווי ביי אַ זקן.

די רביצין איז געשטאַנען ביים טיש שוין אַ היבש שטיקל צייט. ער האָט זי ערשט איצט דערזען.

ווען נישט דאָס, וואָס זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ ברייט, געפאַלדעוועט קלייד מיט אַ ברייטן זיידענעם שפּענצער, באַנייט מיט אַ מאַסע געשניצטן שוואַרצן סאַמעט און אַ געל זיידן טיכל, טיף אַראָפּגערוקט איבערן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, וואָלט מען געמיינט, אַז זי איז אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף: אַזוי יונג האָט זי אויסגעזען, אפילו אין די אַלט־פרענקישע מלבושים, און אַזוי קליין איז זי געווען.

— דו מאַכסט פון זיך אַ תל. האָסט דאָך נאָך היינט גאָרנישט טועם געווען. האָסט אפנים פאַרגעסן, אַז דו האָסט היינט געפּאַסט — האָט די רביצין גערעדט שטיל און מיט דרך ארץ, גאָרנישט, ווי ס׳איז דער שטייגער, אַז אַ ווייב זאָל רעדן צו איר אייגענעם מאַן...

— עסט זיך אפשר שוין איצט גיין וואַשן? — האָט זי אים שטיל געפרעגט, אַזוי שטיל, אַז ער האָט כמעט נישט געהערט, וואָס זי זאָגט. אָבער ער האָט זיך געכאַפּט.

— נו, נו, מהיכי תיתי — האָט ר׳ מאירל געזאָגט, און נישט געקוקט אפילו אין איר זייט. זי האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו. ער האָט אים געעפנט. זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע. זי האָט געוואַרט: אפשר וועט ער איר זאָגן מכוח וואָס דער בריוו איז? אָבער ר׳ מאירל האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז די רביצין איז דאָ אין חדר. ער האָט געלייענט דעם בריוו, און וואָס ווייטער ער האָט געלייענט אַלץ מער געחידושט האָט ער זיך:



די שטאָט פּילסק וויל אים אויפנעמען פאַר זייער רב. און דער בריוו איז געחתמעט פונם דאָזאָר און פון אַ סך בעלי בתים.

ער האָט געלייענט און ווידער אַמאָל געלייענט, און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל אַזוינס באַדייטן. ער האָט געוווּסט פּילסק איז אַן אַלטע שטאָט; זי שם׳ט ממש צוליב אירע גרויסע רבנים, וואָס זי האָט תמיד געהאַט — קאָן דאָס זיין מעגלעך? אַז פּילסקער בעלי בתים זאָלן אים וועלן אויפנעמען, נאָך דעם גרויסן גאון, וואָס די וועלט האָט מיט אים „געקאָכט", אים? וואָס איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט? — און גראָד זאָל דער בריוו אָנקומען היינט ביינאַכט, ווען ער האָט גראָד, אין אַ שווערער מינוט, געטון אַ זאָג, אַז ווען עס מאַכט זיך אים אַן אַנדער רבנות וואָלט ער אַוועק פון מאַליץ — נישט צום פאַרשטיין! ווען ער וואָלט נישט געווען קיין מתנגד וואָלט ער עס געהאַלטן פאַר אַ מופת. אָבער אַ השגחה פרטית איז עס, בלי שום ספק. עס איז נישט סתם אַזוי געשען, אַז גראָד היינט ביינאַכט, גראָד היינט, ווען ער האָט געהאַט אַ ביסל עגמת נפש פון די מאַליצער בעלי בתים זאָל אָנקומען דער דאָזיקער בריוו.

ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, און קעגן זיין ווילן, קעגן זיך אַליין, האָט אַ ליכטיקער שמייכל באַלויכטן זיין איידל פּנים. העכער געמאַכט דעם ברוינעם שטערן. אויסגעגלייכט יעדעס מינדסטע רינצעלע. די טונקל־ברוינע אויגן האָבן זיך צעפינקלט מיט אַזוי פיל לייטזעליקייט, זיינען אַזוי שיין געווען, אַזוי קלוג אויסגעזען, אַזוי טיף, אַז חנה׳לע, די רביצין, האָט אים נאָך אַזוי קיינמאָל פריער נישט געזען. די שכינה האָט ממש גערוט אויף אים...

נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס ער איז היינט עפּעס אַזוי אויפגערוימט, דער רב. גראָד היינט? הממם. שווער צו פאַרשטיין אים, זער שווער — לויט ווי מנשה האָט דערציילט, האָט ער גאָר געהאַט מער סיבה צו זיין באַטריבט היינט.

מנשה האָט אָנגעצונדן דעם בליצלאָמפּ. די בית דין שטוב איז איצט געשטאַנען אַ ליכטיקע, אַ וואַרימע, און אַ פריילעכע. די פאַרמעטענע שיין האָט איצט אויסגעזען גראָ־ברוין און אַלט. עס האָט זיך איצט אויפן טיש אויך קנאַפּ וואָס אָנגעזען דער שטיי־לאָמפּ. לסוף האָט אים מנשה אינגאַנצן פאַרלאָשן, און אַראָפּגענומען פון טיש. פון די שאָטנס איז איצט קיין זכר נישט געבליבן.

מנשה האָט צוגעברענגט דעם קופערנעם בעקן, דערלאַנגט דעם רב די שווערע קופערנע שעפּ און דער רב האָט זיך געוואַשן. דאָס וואַסער האָט זיך געזילבערט אינם אויסגעווייסטן בעקן, אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט געזאָטן.

די דינסט האָט נאָכגעטראָגן דער רביצין דאָס עסן. מנשה האָט עס פון איר צוגענומען אין דער זייט טיר, און די רביצין האָט אויסגעלייגט אַלצדינג מיט אַ סדר. די זילבערנע כלים האָבן געשלאָגן פון זיך אַ פאַרע, פאַרשפּרייט געשמאַקע ריחות איבערן חדר. אָבער ר׳ מאירל האָט זיך קוים צוגערירט צום עסן. ער האָט געמאַכט איין ברכה נאָך דער אַנדערער און כמעט גאָרנישט געגעסן. לסוף האָט ער געבענטשט און מנשה האָט אַראָפּגענומען פון טיש.

ר׳ מאירל האָט ווידער אַמאָל געפּרוּווט נאָכקוקן זיין כתב־יד, אַלערליי ספרים, אָבער ער האָט נישט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק. ס׳האָט זיך נישט געלערנט. ער איז איבערגעגאָסן געוואָרן מיט אַ טונקעלער רויטקייט. ער האָט זיך געפילט שולדיק לגבי די מאַליצער באַלעבאַטים און זיינע אָרימע יידן פונם שטעטל, ווו ער איז אויפגעוואַקסן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט היינט געזינדיקט לגבי זיי: ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך צעשמייכלט, מיט וואָסער נחת רוח ער האָט געלייענט דעם בריוו — נאָך אַמאָל, בשעת ער האָט געטרונקען די טיי נאָכן עסן. ער האָט געזען דעם סאַמאָוואַר אַ גלאַנציקן, אַ קאָכעדיקן, ווי ער שטייט זיך אַזוי רחבותדיק און פריילעך, און זינגט זיך אונטער זיין אַלטן, היימישן ניגון, וואָס ער זינגט שוין אַזוי זינט עטלעכע דורות, פאַר אים, ר׳ מאיר׳לען, אין דער דאָזיקער, אַלט־נגידישער שטוב. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער סאַמאָוואַר פאַרנעמט אַ צו חשוב אָרט: אין סאַמע מיט טיש, צווישן זיינע ספרים און פאַפּירן. און ער האָט געהייסן מנשה׳ן ער זאָל אים אָפּרוקן אין עק טיש.

מנשה האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. ס׳ערשטע מאָל זינט ער געדענקט, מנשה, דערנידעריקט דער רב אַזוי זיין באַליבטן סאַמאָוואַר, דעם, וואָס העלפט אים אַרויס אין אַלע שווערע הלכות אין אַלע „נויטן״... אָבער ער האָט געטון, וואָס דער רב האָט געהייסן.

— אפילו פון לערנען האָט ער באַלעמוטשעט היינט — האָט ר׳ מאירל ווייטער געשפינען די רעיונות זיינע: הממ, דער יצר־הרע האָט היינט געהאַט איבער אים אַ שליטה.

עס איז אים שטאַרק הייס געוואָרן. ער האָט זיך ממש נישט געקאָנט קיין עצה געבן. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז ער זאָל אַוועקשרייבן אַ בריוו צו די פילסקער באַלעבאַטים, איבערבעטן זיי, און בלייבן אין מאַליץ. יאָ! דערמיט וועט ער אויסקויפן זיינע זינד...

ער האָט תיכף גענומען שרייבן דעם בריוו. און כדי צו שרייבן אים ווי געהעריק האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעלייענט וואָס פילסק שרייבט. פּלוצלינג האָט ער אין סאַמע עק פונם בריוו דערזען עטלעכע דראָבנינקע שורה׳לעך, וואָס ער האָט פריער אין זיין צערודערטקייט גאָר נישט באַמערקט:

„איז, אויב ס׳וועט נישט זיין קיין אָפּהאַלט מצד דעם פראָסט, וועלן מיר מאָרגן איה״ש זיין אין מאַליץ — בין מנחה למעריב״.

איצט האָט שוין די זאַך אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער פנים. הממ, איצט מוז ער שוין קודם כל אָפּוואַרטן די פילסקער באַלעבאַטים. איצט ליגט שוין די זאַך אין גאַנץ אַנדערע הענט...

ער האָט זיך נאָך לאַנג געפייניקט צו פאַרטרייבן אַלערליי מחשבות. לסוף איז אים אַ ליכטיקער געדאַנק געקומען צו הילף. ער וועט עס איבערלאָזן אינגאַנצן צו דער השגחה...

און, ער האָט אַוועקגעשיקט מיט מנשה׳ן אַ צעטל צום דאָזאַר. ער האָט אים געלאָזט וויסן מכוח דעם בריוו, און מכוח דעם, אַז פון פילסק קומען באַלע־



באַטים מיט אַ געחתמעטן כתב רבנות, מחמת פילסק וויל אים אויפנעמען פאַר רב. ער בעט דעם דאָזאַר אַז ער זאָל אַריבערקומען מאָרגן איה״ש, וואָרים ער וויל מיט אים איבעררעדן מכוח דעם דאָזיקן ענין.

ער האָט נישט געזאָגט ווען ער זאָל קומען, דער דאָזאַר, מחמת ער האָט געוואָלט די זאַך איבערלאָזן אַזוי, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אַליין טון קיין ריר מיט קיין מינדסטן פינגער. די השגחה זאָל אַלצדינג פירן לטובה. ער וועט וואַרטן און זען, וועט דער דאָזאַר פון מאַליץ קומען איידער עס וועלן קומען די פילסקער, וועט ער בלייבן. אלא טאָמער קומט ער נישט מאָרגן, איז אַ סימן, אַז ער דאַרף ווערן רב אין פילסק.

עס איז אים געוואָרן לייכטער איצט אויפן האַרצן. ער האָט געפילט, אַז די השגחה האָט פון אים אַראָפּגענומען אַ שווערע משא. מחמת ווייסט דען אַ מענטש די וועגן פון דער השגחה? „זי וועט שוין וויסן ווי אַזוי צו פירן״.

ער האָט געלייענט קריאת־שמע און איז געגאַנגען פרי שלאָפן, כדי ער זאָל קאָנען אויפשטיין צו חצות.

אַ באַרואיקטער איז ער אין ווייניקער פון פינף מינוטן איינגעשלאָפן.

ס׳איז געווען אין סאַמע מיטן ווינטער, דער שניי איז געלעגן פעסט און מאַסיוו. דער פראָסט האָט אים געהאַלטן זינט וואָכן שוין, געפּענטעט, נישט געלאָזט אים אַ ריר טון זיך.

קיינער איז נישט אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס סיידן ער האָט געמוזט. פונדעסטוועגן איז די שול יענעם אָוונט געווען געפּאַקט מיט די שענסטע באַלעבאַטים, און אַזעלכע, וואָס דאַוונען ס׳רוב אינדערהיים, ביחידות, גייען נישט אין שול אַריין אַחוץ משבת לשבת, זיינען היינט אויך געקומען צו מנחה־מעריב.

זיי האָבן געוואָלט הערן נייעס. געוואָלט וויסן מיט וואָס דאָס וועט זיך אויסלאָזן. וועט דער רב זייערער, בסך הכל אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר (ווּעמען זיי געדענקן נאָך, ווען מ׳האָט אים געטראָגן ס׳ערשטע מאָל אין חדר אַריין), בלייבן אין מאַליץ, אָדער די פילסקער וועלן אים אַוועקנעמען פון זיי?

אין שטעטל האָט זיך גערודערט.

סטייטש! צוליב אַזאַ קליינינקייט! אין דער אמתן, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן עוולה, אַז דער רב זאָל לעבן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז היינטיקן ווינטער מוזן זיך די מאַליצער גבירים ביישטייערן טאָפּלט צוליב דעם זער שווערן ווינטער, כדי צו קענען באַזאָרגן די אָרימע לייט מיט אַ פּירל האָלץ, מ׳זאָל קענען צושיקן אַ לעפל געקעכץ, אַ פּאָר שיכלעך פאַר די תלמוד־תורה יינגלעך, און ער האָט זיי אויסגעמוסרט אַ ביסל? וואָסי ס׳קומט זיי נישט? די שיינע יידן! זיי מיינען טאַקע, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט נאָר פאַר זייערטוועגן — האָבן די באַלמעלאָכעס געהאַט אַ גערעכטע טענה, און אין האַרצן שטאַרק הנאה געהאַט... טאָ וואָס־זשע דען? זיי האָבן געציטערט, אַז פון דעם אַלעם זאָל זיך נישט אויסלאָזן אַזוי, אַז די מאַליצער אָרימע לייט וועלן נישט געהאָלפן ווערן, און דעם רב, זייער טייערן, האַרציקן רב, דעם מאַליצער עילוי וועלן זיי

חלילה פאַרלירן. ווייל נאָכדעם וואָס דער „פעטער דבר אחר" האָט נעכטן געזאָגט צום רב, אַז ער איז דאָ אַ רב כדי צו פסקענען שאלות, און נישט, כדי צו מישן זיך אין קהלשע ענינים, אַז דאָס זאָל ער איבערלאָזן צו די דאָזאָרעס, ווייל ער איז נאָך צו יונג און פאַרשטייט נישט קיין וועלטלעכע ענינים — איז ווער ווייסט, צי דער רב וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם רבנות? וואָסי ער דאַרף נויטיק זייערע עטלעכע רובל אַ וואָך? ער גיט עס סיי ווי אַוועק פאַר אָרימע־לייט. ער גיט נאָך צו זיין אייגנס, און שלעפּט אַרויס פונם שווער זיינעם מער, ווי פון יעדן איינעם צוצעטיילן אויף צדקה.

איז ווער ווייסט? בפרט איצט, אַז ס'זיינען פּלוצלינג אונטערגעקומען די פּילסקער!

די אָרימע מענטשן זיינען געווען „אויס מענטש".

דער דאָזאָר איז געווען ברוגז אויפן רב, הלמאי ער האָט נישט באַלד אַוועקגעשריבן קיין פּילסק אַ בריוו מיט אַ תשובה, אַז ער „נעמט נישט אָן". פונדעסטוועגן האָט ער פאַררופן די מאַליצער באַלעבאַטים (די „שיינע" פאַרשטייט זיך) אויף אַן אסיפה. מ'האָט גערעדט און געשריגן און מען האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן — לאַנג זיך גע'ישוב'ט, צי מ'זאָל אַהינגיין צום רב און אים אָפּרעדן פונם שריט, אָדער מ'זאָל אָפּוואַרטן און זען, וואָס ער האָט בדעה צו טון.

אַ טייל האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף אַהינגיין, אָפּרעדן אים, און אים טאַקע איבערבעטן אויך. אָבער די רייכערע, די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים האָבן געהאַלטן, אַז עס טויג נישט, אַז איינבעטן זיך לוינט קיינמאָל נישט...

— אַז מ'עט זיך ביי אים איינבעטן וועט מען נאָך ערגער מאַכן! ער וועט אונז דערנאָך אויפן קאָפּ אַרומקריכן — האָט איינער אַ ייד אַן עם־הארץ, נאָר אַ גרויסער בעל־דעה און אַ גרויסער תקיף צוליב דעם, וואָס ער לאָזט זיך קאָסטן אַ סך געלט אויף קהלשע הצטרכותן, געזאָגט — און אין שטעטל איז געווען אַ טומל און אַ צערודערטקייט, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט אין יעדן איינעמס פּריוואַטן לעבן.

דער עיקר האָט זיך געקאָכט חיה דבורה, די שוויגער, דעם רב'ס.

— ביי מיר עסטו נישט פּועלן, אַז כ'זאָל אַוועקשיקן ס'קינד! (האָט חיה דבורה גערופן די רביצין ס'קינד מחמת זי איז געווען אַ בת־יחידה און אַזאַ קליינינקע דערצו).

— איך'ל נישט אַוועקשיקן ס'קינד אין קיין פרעמדער שטאָט אַריין! דאָ איז זי געבוירן געוואָרן און דאָ וועט זי בלייבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! פאַרשטייסט? און ס'איז שוין צייט זאָלסט זיך גיין וואַשן. ס'עסן ווערט קאַלט ווי אייז — האָט זי זיך געבייזערט אויפן מאַן.

ר' אברהם אהרן האָט זיך פאַמעלעך געווישט די הענט מיטן ברייטן, ווייסן האַנטוך, געזאָגט שאו ידיכם, געשמייכלט צום אייניקל אויף זיין ווייבס שויס, און זיך געריכט אויף אַ פּסק פון איר, חיה דבורה'ן, פאַרוואָס ס'איז אים גאָר איינגעפאַלן, אַז ס'איז געמאָלן, אַז איר חנה'לע וועט אַוועקפאָרן פון מאַליץ.



נאָר חיה דבורה איז שוין געווען פאַרטון ביים אויפגעבן די גוטע ווערטערע, ביים אַכטונג געבן, אַז די „קליינע", וואָס דאָס מיינט די רביצין, זאָל חלילה נישט אַראָפּלאָזן ס'קינד און האָט פאַרגעסן אינם גאַנצן עסק.

אמת, בשעת דער שמש האָט איר דערציילט, האָט זי געהאַט אַ ביסל עגמת נפש, נאָר איצט ביים טיש איז איר די גאַנצע זאַך געווען אַזוי ווייט, ווי אַ חלום, וואָס בשעת ס'חלומט זיך פילט מען אים, באַלד ווי מ'כאַפּט זיך אויף אויך נאָך, אָבער אַ ווילע שפּעטער פאַרטוט מען זיך אין אַלערליי טאָג־טעגלעכע אַרבעטן און מ'פאַרגעסט אָן אים.

פאַרגעסן האָט אָבער נישט מאַליץ. ס'גאַנצע שטעטל איז „געגאַנגען אויף רעדער".

„סטייטש זייער רב! דער מאַליצער עילוי! דעם גרויסן למדן! דעם גרויסן צדיק! זיינען געקומען פרעמדע יידן, פון אַ פרעמדער שטאָט און ווילן אים אַוועקנעמען!"

— דאָס וועט מאַליץ נישט דערלאָזן! — האָבן זיך אָנגעהויבן אסיפות, מחלוקת'ן. יעדער האָט באַשולדיקט דעם אַנדערן. אפילו, יידן, באַלמעלאָכעס האָבן זיך אין מיטן וואָך אָנגעטון די שבתדיקע מלבושים און זיינען געקומען אין שול אַריין הערן, און פּרוון אַליין אויך אַריינוואַרפן אַ וואָרט... אפילו ווייבער איז נוגע געווען, אַז דער רב, זאָל לעבן, זאָל בלייבן אין מאַליץ.

פרומע, נגידישע יידינעס האָבן געשאָקלט מיט די בריליאַנטענע אויערינגלעך, געציפּט זיך ביי די ווייַנפּערלעך פון די קאָפּקעס, געציפּט זיך ביי די פראַנזן פון די זיידענע קאָפּ־טיכלעך, געטוליעט זיך אין די פוטערנע שובעס און איינגעהערט זיך צו אַלץ, וואָס די מאַנסבילן האָבן געהאַט צו זאָגן.

„פּראָסטע" ווייבער זיינען געגאַנגען געהילטע אין דערעס, צו שכנים, הערן אַ וואָרט מכוח דעם ענין.

נאָך לאַנגע אסיפות און אַ סך רייד איז געבליבן, אַז מ'זאָל היינט בין מנחה למעריב רעדן מיטן רב, איבערבעטן אים, און אים בעטן ער זאָל בלייבן.

הגם די דאָזאָרעס האָבן דעם דאָזיקן ביסן נישט געקאָנט אַזוי לייכט אַראָפּשלינגען, מחמת דער רב איז נאָך אַ יינגל כמעט, און זיי זיינען באַיאָרטע, חשובע באַלעבאַטים פון דער מאַליצער קהילה.

נאָר ר' מאירל איז היינט נישט געגאַנגען אין שול אַריין. ער האָט געדאַווענט ביחידות. ער האָט נאָר וואָס געהאַט איבערגעביסן (מחמת ער האָט היינט ווידער אַמאָל געפאַסט), ער האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעבענטשט און זיך אַוועקגעזעצט לערנען, האָט זיך געעפנט די טיר פון בית דין שטוב און עס זיינען אַריינגעקומען דריי יידן איינגעהילטע אין פעלצן, מיט אויפגעשטעלטע קעלנער, מיט אַ סך שאַלעקעס אַרום די העלזער, און איבער דעם אַלעם ריזיקע באַשלוקעס, וואָס האָבן פאַרהיטן אַז די אויערן זאָלן זיי נישט אָפּפרירן.

ר' מאירל האָט זיי דערזען און איז אויפגעשטאַנען. אַקעגנגעטראָגן זיי די גרויסע, ברוינע, אײדעלע האַנט, געגעבן זיי שלום, געבעטן זיי, אַז זיי זאָלן אויסטון די אויבער־בגדים, און אַריינגערופן דעם שמש ער זאָל אַוועקנעמען די

זאַכן, פון וועלכע עס האָט געטריפט און געקאַפּעט. ער האָט זיי געבעטן זיצן, געזאָגט דעם שמש ער זאָל הייסן ברענגען דעם סאַמאָוואַר. דער שמש האָט פון געוווינהייט ווידער אַמאָל אָפּגעגעבן אים, דעם סאַמאָוואַר, דאָס בכבודיקע אָרט אויפן טיש.

די יידן האָבן געהאַלטן די גלעזער אַרומגענומען מיט זייערע פאַרפרוירענע הענט, געזופט פון דער טיי און אַזש געקרעכצט פון הנאה.

— איי, אַ מחיה! אַ וואַרימקייט! — ר׳ מאירל האָט אַ קוק געטון אויף דער וואַנט, געזען אַז אין געציילטע מינוטן וועט באַשטימט ווערן זיין גורל — צי זאָל ער ווערן רב אין פילסק, וואָס אין פאַרגלייך מיט מאַליץ איז עס אַ כרך.

פונדעסטוועגן האָט ער נישט קיין חשק געהאַט אויסצובייטן זיין קליין שטעטעלע מיט זיינע ליבע יידן — די פשוטע, די פרומע, די האַרציקע יידן זיינע. נאָר דער זייגער איז נישט געשטאַנען. די שווערע, געלע וואָגעס האָבן זיך שטיל און רואיק געהוידעט, די ווייזערס, בפרט דער גרויסער, האָט זיך גערוקט — און אָט זיינען זיי שוין צוגעקומען צו דער צייט.

פונקט דעמאָלט זיינען צוגעקומען צום רב׳ס הויז (ס׳הייסט דעם שווערס, ר׳ אברהם אהרנ׳ס הויז) די שענסטע מאַליצער באַלעבאַטים, מיט די דאָזאָרעס בראש. זיי זיינען געשטאַנען ביי דער טיר נאָך. טייל האָבן שוין אפילו באַוויזן אַריינצוגיין אין פעדער־הייזל. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער בית דין שטוב, האָבן זיי געזען, ווי דער רב אַ בלאַסער, העכער נאָך ווי תמיד האָט ער אויסגעזען, די אויגן טיף און ערנסט, האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָך נישט באַמערקט די אַריינגעקומענע באַלעבאַטים, אַ קוק געטון אויפן זייגער און אַ זאָג געטון צו זיך אַליין:

— זיי זיינען נישט געקומען — און ווענדנדיק זיך צו די פילסקער, האָט ער געזאָגט מיט אַ קול, אַ שטילס, אַן ערנסטס, ווי אַ תפילה:

— מזל טוב, פילסקער רב.

— מזל טוב, פילסקער רב! — האָבן די פילסקער געשיינט ממש.

איצט ערשט האָט ר׳ מאירל דערזען די מאַליצער באַלעבאַטים.

אָבער ס׳איז שוין געווען פאַרפאַלן. איצט קאָן ער זיין וואָרט נישט ברעכן.

און דאָס, צוליב פינף מינוטן פאַרשפּעטיקן זיך מצד די מאַליצער באַלעבאַטים — און האָבנדיק חרטה, שטאַרק חרטה, אויף דער האָפערדיקער פרייליכקייט פריער, און וועלנדיק תשובה טון אויף דער עבירה, האָט ער אפילו איצט קעגן זיין ווילן, טיף אין האַרצן ביי זיך, נאָך אַמאָל דערפילט אַן אינערלעכן פריידיקן ציטער.

— הכלל, ווייזט אויס, אַז ס׳איז אַזוי באַשערט! — האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון דער שווער.

— אפנים, אַז די השגחה האָט אַזוי געוואָלט! — האָט ר׳ מאירל שטיל געענטפערט, און איז געבליבן זיצן טיף פאַרזונקען אין רעיונות.

— אַ גוטע נאַכט, רב — האָבן די מאַליצער באַלעבאַטים שטיל געזאָגט, און געוואָלט אַרויסגיין. נאָר דער פילסקער דאָזאָר האָט זיך געפילט שטאַרק



אויפגעלייגט, און ער האָט פאַרבעטן די מאַליצער אויף אַ לחיים. אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט בלייבן אפילו קיין רגע אחת. פונדעסטוועגן האָט דער „פעטער דאָזאָר״, שטייענדיק ביי דער טיר שוין, זיך מיישב געווען, איז צוגעקומען צום טיש, דערלאַנגט דעם רב די האַנט, עפּעס שטיל געמורמלט, קיינער האָט נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, און אויפן קול אַ גיכן זאָג געטון:

— זייט מצליח, רב! — די באַלעבאַטים האָבן אים נאָכגעטון און זיינען אַרויס פון דער ליכטיקער, וואַרימער, זיי אַזוי היימישער, בית דין שטוב.

מנשה האָט אַריינגעטראָגן משקה און מען האָט געמאַכט אַ לחיים. די פילסקער באַלעבאַטים האָבן זיך איצט געפילט אינדערהיים... און מ׳האָט אָפּגערעדט, אַז די וואָך נאָך זאָלן זיי צוזאַמען מיטן נייעם רב אַריינפאָרן קיין פילסק און נאָכדעם, וואָס מ׳וועט האָבן געמאַכט אַלע הכנות און די רביצין וועט זיך האָבן צוגעגרייט, וועט מען שיקן נאָך איר.

— איז הייסט עס געבליבן אַזוי, ווי דו האָסט געוואָלט — האָט דער שווער געפרעגט אַ פאַרזאָרגטער.

ר׳ מאירל האָט אַ ציטער געטון ביי די דאָזיקע ווערטער.

— חס ושלום! ווי די השגחה האָט געוואָלט! — האָט ר׳ מאירל געפילט אַזאַ נאָגעניש ביים האַרצן, אַזאַ בענקעניש, ווי ער וואָלט שוין יאָרן געווען אַוועק פון זיין היים, פון זיין שטעטעלע, וווּ ער איז אויפגעוואַקסן, חתונה געהאַט, רב געוואָרן.

די דאָזיקע בענקשאַפט האָט אים קיינמאָל מער נישט אָפּגעלאָזט. ער איז אין משך פון עטלעכע יאָר געוואָרן אַ שם דבר. פון די גרעסטע שטעט האָט מען אים געוואָלט אויפנעמען פאַר רב, מחמת ער איז שוין איצט נישט געווען דער מאַליצער עילוי, נאָר דער פילסקער גאון!

אָבער ר׳ מאירל האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקן. איין „עבירה״ איז גענוג...

— אַ בית החיים איז דאָ ביי אייך? — פלעגט ער פרעגן ביי באַלעבאַטים, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננעמען „ניין״ פאַר קיין תשובה און זיינען געקומען אַליין צו פאָרן קיין פילסק, פּרווון ס׳מזל.

— וואָס פאַר אַ שאלה איז דאָס? פאַרשטייט זיך — האָבן זיי געשמייכלט, די באַלעבאַטים.

— אין פילסק אויך! — האָט ר׳ מאירל צוריקגעשמייכלט און די באַלעבאַטים זיינען אַהיימגעפאָרן מיט גאָרנישט.

— ס׳איז גאָרנישט אָפּצושאַצן, ווי שטאַרק ר׳ מאירל האָט ליב פילסק — האָט מען זיך געחידושט; און נישט פאַרשטאַנען די סיבה, און מקנא געווען די שטאָט...

---

**קומט צו אונזערע יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס**

---

## אייזיק גאָלדבערג

### צוויי עפּיזאָדן מיט דער שרייבערין אסתר קרייטמאַן ע״ה

ווען די שרייבערין, אסתר קרייטמאַן, האָט דאָ לעצטנס אַרויסגעגעבן דאָס בוך דערציילונגען „יחוס“, האָט א. נ. שטענצל געווידמעט לכבוד דעם דערשיינען פונם בוך אַ ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג, ביי וועלכן איך האָב מיך אויך באַטייליקט מיט רעציטירן איר דערציילונג „אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע“.

נאַטירלעך, האָט זי זיך געפילט דעם שבת — פון די רעדנער, פון די פילע שבחים און פון די אַלע פאַרלייענער — זער געהויבן, און אין אַ זער יום־טובדיקער שטימונג.

נאָכדעם ווי אַלעס איז שוין געווען פאַרענדיקט, האָט זי מיר פּערזענלעך געדאַנקט, מיך געלויבט פאַרן רעציטירן, זאָגענדיק, אַז זי האָט זיך געפילט אין אַן אויסערגעוויינלעך געהויבענער שטימונג הערענדיק מיך פאַרלייענען, ווייל גראָד די דערציילונג פון איר בוך „יחוס“ איז איינע פון די אויסדערוויילטסטע, וועלכע איז אַ שטיק יידיש לעבן פון אונזער אַלטן אויסגעוואָרצלטן פּויליש־יידישן ישוב. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז עס צעשפּילט זיך ווידער ביי איר די מוזע, פונקט ווי דאַמאָלט, ווען זי האָט די דערציילונג געשאַפן.

זי האָט מיך שוין דעם טאָג נישט אָפּגעלאָזט. צוזאַמען מיט איר חשובן מאַן און מיין פרוי האָבן מיר אַלע פאַרברענגט אין אַ קאַפע, ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין, און זי האָט דערציילט און דערציילט, פון איר אַלטער היים, פון יידישע שרייבער, מיט וועלכע זי האָט זיך אין דער וועלט באַקענט, פון אירע ברידער, פון איר טייערן זון, און פון איר יחוסדיק לומדישער משפּחה, און פון פאַרשידענע פאָלקס־טיפּן פון דער אַלטער היים, פון וועלכע זי האָט נאָך אַזוי פיל צו באַשרייבן, כדי זיי צו פאַראייביקן אין אונזער יידישער ליטעראַטור. וועגן די דערציילונגען פון בוך „יחוס“ האָט זי גערעדט מיט אַזאַ באַזאָרגטקייט און מיט אַזאַ מאַמעדיקן ציטער, ווי זיי וואָלטן געווען אירע קינדער, וועלכע ווערן דורך דעם באַשרייבן צוריק לעבעדיק...

אָבער נאָך בולטער איז עס ביי איר געקומען צום אויסדרוק דאַמאָלט, ווען אסתר קרייטמאַן האָט געהאַלטן ביים אַרויסגעבן דאָס בוך „ברילייאַנטן“. ווי דער שטייגער איז, האָט אויך דאַמאָלט א. נ. שטענצל געווידמעט לכבוד דעם דערשיינען פונם בוך אַ ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג, ביי וועלכן איך האָב זיך אויך באַטייליקט מיט רעציטירן אַ פראַגמענט פונם בוך „ברילייאַנטן“. דאָס בוך איז נאָך נישט געווען געדרוקט, אסתר קרייטמאַן האָט געהאַט אַן איינציק קאָרעגירטן מאַנוסקריפּט פון וועלכן איך האָב געזאָלט פאַרלייענען. אַזוי אָבער ווי זי האָט נישט געוואָלט מיר איבערגעבן די איינציקע קאָפּיע וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי מיך פאַרבעטן צו זיך אַהיים, כדי זיך מיט מיר צו פאַרשטענדיקן פון וועלכן טייל פונם בוך „ברילייאַנטן“ איך זאָל רעציטירן.



נאָך לאַנגע וויכוחים האָב איך דאָך נישט איינגעוויליקט צו לייענען דאָס וואָס זי האָט גראָד געוואָלט, דערצו פון בלויזן אַדורכלעזן ביי איר דעם באַטרעפנדן אויסצוג. איך בין באַשטאַנען דערויף, אַז זי זאָל מיר דעם מאַנוסקריפּט מיטגעבן און מיר לאָזן פריי דעם אויסוואַל וועלכן פראַגמענט עס וועט מיר געפעלן פאַרצולייענען.

עס איז מיר נישט מעגלעך דאָ איבערצוגעבן מיט וואָס פאַר אַ געמיט און ראַנגלעניש מיט זיך אַליין און אַ שווער האַרץ דערצו, ביז זי האָט זיך דאָך ענטשלאָסן מיר מיטצוגעבן דעם מאַנוסקריפּט צו זיך אַהיים.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה, גראָד דאַמאָלט ווען לאָנדאָן איז באָמבאַרדירט געוואָרן פון די דייטשע משחיתים, ווען דער גרעסטער טייל פון דער לאָנדאָנער באַפעלקערונג האָט גענעכטיקט אין די שעלטערס.

ווי איבערראַשט בין איך אָבער געוואָרן, אַז דעם אַנדערן טאָג, אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט, האָבן מיינע שכנים מיר געזאָגט, אַז אַ פרוי איז דאָ געווען דורכן טאָג אַ פּאָר מאָל און נאָכגעפרעגט וועגן מיר, ווען זי קאָן מיך טרעפן.

לויט ווי די שכנים האָבן מיר געשילדערט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין נישט קיין אַנדערע ווי אסתר קרייטמאַן.

דעם זעלביקן אָוונט איז זי טאַקע ביי מיר געווען, זי האָט אויסגעזען זער מיד און אומרואיק. עס איז נישט געווען די זעלבע אסתר קרייטמאַן פון אַ טאָג פריער, ווען איך בין ביי איר געווען. איר יום־טובדיקע שטימונג פון נעכטן, ווען זי האָט גערעדט וועגן אַרויסגעבן איר ניי בוך, איז ווי פאַרשוווּנדן.

אויף מיין פראַגע פאַרוואָס זי איז געקומען, און שוין דאָ געווען אַ פּאָר מאָל בייטאָג זיך נאָכפרעגן וועגן מיר, האָט זי מיך באַלד באַרואיקט און געבעטן איך זאָל זי פאַרשטיין, אַז זי מיינט נישט חלילה קיין בייז דערמיט, נאָר אַזוי ווי איך בין נעכטן פון איר אַוועק, מיטנעמענדיק דעם מאַנוסקריפּט פון איר ניי בוך, איז זי געוואָרן זער אומרואיק און האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. זי האָט די גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן, איבערקלערנדיק, ווער ווייס וואָס עס קאָן זיך חלילה טרעפן מיט איר מאַנוסקריפּט. דערפאַר וואָלט זי גערן וועלן וויסן, אַז ווען איך גיי ביינאַכט אַוועק שלאָפן אין אַ שעלטער, אויב איך נעם עס מיט זיך מיט...

„איר דאַרפט נישט לאַכן פון מיר, פריינט גאָלדבערג“, האָט זי צו מיר געזאָגט, פילנדיק זיך עפּעס אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט, „ביי אַ שרייבער איז זיינס אַ בוך פונקט אַזוי הייליק און טייער ווי אַ קינד ביי אַ מוטער. ווען אַ ניי בוך דערשיינט ביי אַ שרייבער איז עס ווי אַ קינד ווערט געבוירן. איך, אַלענפאַלס, פיל עס אַזוי... און איך גלויב אַז אַלע שרייבער פילן דאָס זעלבע. נו, שטעלט אייך פאָר, אַז אַ מאַמע וועט זיך גיין שיצן איר לעבן, ווי איצט, אין אַ שעלטער, און איר קינד וועט זי איבערלאָזן אין שטוב, אָדער ביי אַנדערע — וועט זי קענען איינרוען?... דערפאַר וואָלט איך וועלן, אַז איר זאָלט מיר פאַרזיכערן, אַז צו יעדער צייט ווען איר גייט אין שעלטער, זאָלט איר מיין

מאַנוסקריפּט מיט זיך מיטנעמען, און איר זאָלט עס טאַקע אויך טון. לאַכט נישט דערפון, פריינט גאָלדבערג, איך בין טאַקע אַ ריכטיקע מאַמע אויך, אָבער מיינס אַ בוך איז ביי מיר אויך אַזוי הייליק און טייער ווי מיין קינד"...

און זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ערנסטע באַזאָרגטקייט, מיט אַזאַ אומרואיק מאַמעדיק געפיל, אַז טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

איך האָב עס מיטגעפילט, זי באַרואיקט, און נאָכדעם ווי איך האָב איר פאַרזיכערט אַז איך וועל אַכטונג געבן אויף איר מאַנוסקריפּט, האַלטן עס ביי זיך, און אַז ווען איך וועל גיין אין שעלטער וועל איך עס אויך מיטנעמען, האָט זי מיר האַרציק געדאַנקט,און מיט אַ באַרואיקט מאַמעדיק געפיל איז זי אַוועק אַ צופרידענע...

---

יוסף הלל לעווי

## ווען דער ליבער זומער קומט!

1

וואָלקנס לויפן זיך צוזאַמען —
ווי די שאָף פון זונענשמיץ,
און מיט ציטערדיקע פלאַמען
צוקט אין הימל דורך אַ בליץ.

פון די וואָלקנס אויפגעשוואָלן
פלאַצט אַרויס אַ פייערשטראַל,
און ער נעמט זיך קאָגלען, ראָלן,
מיט אַ ווילדן דונערקנאַל!

2

אויף די גערטנער, גאַסן, וועגן,
פונעם הימל מיט גאַלאָפּ, —
קומט געלאָפן אָן אַ רעגן,
פרישט די וועלט מיט קילקייט אָפּ.

פון די גערטנער רייף מיט פרוכטן,
רייסט זיך אויס אַ ווינטל פריי,
אויסגעמישט מיט בלומענדופטן
און מיט פריש געשניטענעם היי.

3

ס'טראָפּט אַראָפּ פון הימל, ריזלט —
שטיל דער רעגן און ער רינט, —
טיף אַריין אין וואַלד און שפּיזלט
איך זיך אין דער ערד צוגרינט.

שמעקט עס פון די בלומענקרייטער,
פון די יאָלדלעס אינעם וואַלד,
גייט די זון אויף ווידער הייטער —
אינעם הימל העל צושטראַלט.

לויפן קינדער און זיי שפּרינגען,
דורך די סאַמעט גראָזן ווייך,
באָרוויסע אַהין און זינגען,
כאַפּן פישעלעך צום טייך.

רייסן פון די ווערבעס ריטלעך
זיך ביים טייכל גלאַנציק טיף,
שניצן פייפלעך זיך געמיטלעך
אויס און פייפן — פיף, פיף, פיף!

4

ביז צום אָוונט, פון באַגינען,
טראָגט זיך אין דער לופט אַרום:
פון די פלאַטערדיקע בינען
דער צעזונטער זום, זום, זום!

אין דער שטילקייט שוועבט דער ניגון
איבער בוים און בלום און בלאַט,
ביז ער בלייבט פאַרשיכורט ליגן
פון דעם בלומען־אַראָמאַט.



ווען אַ ווינטל קושט די גראָזן,
שפּילט מיט זיי אַ זוניק שפּיל;
דורשטיק זיך די בינען לאָזן —
צו די בלומען צאַרט און שטיל.

און די בלומען איינגעבויגן
פון די בינען־ליבע קראַפט,
לאָזן פון זיך שטיל אויסזויגן —
זייער זיסן בלומענזאַפט.

ווייך די זונען, זאַנפט אַנטשוויגן
אויף די בלומען־קעלכן מיד;
זויגנדיק צוזונטע ליגן
איינגעזומט פון אייגנעם ליד.

און זיי זויגן און געניסן,
טיף פאַרשיכורט אין דער שטום, —
אויס דעם בלומענזאַפט דעם זיסן
פון דער שמעקנדיקער בלום.

וואָס זיי שפּעטער מיט דעם טיפן —
פיינעם דופט פון גאַנצן טאָג, —
איז פול מיט האָניק־גאָלד אויסטריפן
און מיטוואַקס אין בלומענשטאָק.

5

פייגל זינגען, בינען זומען,
און אַ ווינטל טראָגט אַרום —
איבער בונטע בייטן בלומען
דאָס צעזונטע גאָלד־געזום.

ווען די ליבע קינדער קומען —
אָן אויסגעזונטע פון דער זון,
זיך צו רייסן עפּל, בלומען,
און אין שאָטן אויסצורון,

לייגן זיי זיך שטיל אַנידער —
אונטערן בלעטער־פולן בוים,
שטרעקן אויס די יינגע גלידער,
טרוימען מיט דעם זומער־טרוים.

הערן זיי דאָס בינען־עכאָ
שוועבן אויף די לאָנקעס גרין,
וואָס זייוואָרנט פאַר דעם שטעכער
זיך צו היטן פון דער בין.

ביז דער דעמער נישט פאַרשפּינען
טוט מיט זילבער בוים און בלום,
הערט נישט פון די פלאַטערבינען
אויף דאָס גאָלדענע געזום!

---

ליבער שטענצל,

פאַר מיר איז אסתר קרייטמאַן געווען, נישט נאָר אַ קאָלעגיאַלע פשוטע חבר'טע נייערט אַן אמתדיק האַרציקער נאָענטער און גוטער פריינט.

לײדער בין איך אין די לעצטע יאָרן דורך מיין שווערער קראַנקייט פון יעדן עפנטלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן דערווייטערט געוואָרן, און צוליב דער דאָזיקער סיבה אויך פון אסתר קרייטמאַן.

וועגן אסתר קרייטמאַנס באַדייטונגס אַלס אַ ראָמאַניסטין און נאָוועליס־טין, איז מיר שוין אויסגעקומען אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן צו שרייבן, אָבער איבער אסתר קרייטמאַן אַלס ערלעכן מענש און איבערגעגע־בענעם פריינט נאָך נישט. איך פאַרהאָף דאָס צו טון אין די נאָענטסטע נומערן פון „לשון און לעבן".

איר צוריקגעבליבענעם מאַן אברהם קרייטמאַן, איר זון מאָריס קאָר און ברודער באַשעוויס ווינטש איך אַז זיי זאָלן פון היינט אָן נישט מער וויסן פון קיין שום צער און פיין.

מיט דרך ארץ, יוסף הלל לעווי.

קייטי בראון

# עס לאַכט זיך נישט מער...

איך האָב אַ פריינט, אַ שטיקל לאַנדסמאַן, וועלכער איז פון אַלע יאָרן, זינט איך קען אים, געווען אַ פריילעך יידל, אַ לץ שבלצים; פאַר אַזעלכן האָבן מיר אַלע אים געקענט.

האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט צו פאַרברענגען אַ פריילעכן אָוונט, זיך גוט צו אַמוזירן; האָט איינער פון אונזערע לאַנדסלייט געמאַכט „אַן איוונינג־אין”, אַ שטיקל אָוונט הייסט עס, פלעגט מען אים פאַרבעטן. מען האָט גענומען צו ביסלעך, און ס'איז געווען חי געלעבט...

אונזער לאַנדסמאַן פלעגט זיך צעזינגען מיט חזנישע קאָמפּאָזיציעס און טעאַטער־לידלעך. טאָמער האָט זיך אים פאַרגלוסט, פלעגט ער טאַנצן אַ היימישע קאָמאַריסקע. דער עולם פלעגט צופליעסקן, פאַרגעסנדיק אַלע דאגות און אַלע זאָרגן. מען האָט אַ לעב געטון אויף גאָטס קאָנטאָ...

אָט אַזאַ סאָרט פאַרשוין איז געווען אונזער לאַנדסמאַן. נישט בלויז פלעגט ער אייך אַמוזירן אויף אַ פאַרטי אָדער אויף אַ שמחה, נאָר אפילו אין אַ פּראָסטן דינסטיק ביי זיך אין דער היים.

מיר אַלע האָבן עס געוווסט ווי אָפּצושאַצן, און מען האָט אים שטאַרק ליב געהאַט פאַר זיין פריילעכקייט.

טאָמער זענט איר אַריין צו אים אין הויז אַ פאַרזאָרגטער, אַ מרה־שחורהדיקער, זענט איר אָבער פון דאָרט אַרויס מיט אַ שטעכעניש אין די זייטן פון געלעכטער.

מאַכט זיך אין אַ געוויסן טאָג, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, ווערט מיר אַזוי מאָדנע קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. אַזאַ שטימונג אפנים ביי מיר — נישט פאַר אייך געדאַכט! — אַז איך קען זיך קיין אָרט אין שטוב נישט געפינען. אַלץ קומט ביי מיר אַרויס משה־קאַפּויער. רעדט מען, טויג נישט; שווייגט מען, איז ווידער נישט גוט. נעם איך לעזן אַ צייטונג, דאַכט זיך מיר אויס, אַז אַלץ וואָס איך לעז, איז בלאָף, שווינדל און גנבה. פאַרליר איך דאָס געדולד צו לעזן, און אַלץ ווערט מיר איבערדריסיק. איך פאַל אַריין אין אַ כעס אויף דער גאַנצער וועלט מיט איר פּאָליטיק, סיסטעם און אָרדנונג; אויך אויף אַלע מענטשן, וואָס איך קען און אפילו אויף די, וועלכע איך קען נישט... דער כעס שטייגט ביי מיר ביז איך ווער בייז אויף זיך אַליין אויך...

דער סוף איז, איך גיב אַ קלאַפּ מיט דער טיר אויף יענער זייט און לויף אַרויס אין גאַס געפינען עפּעס אַ מיטל ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון מיין שווער געמיט.

גיי איך און טראַכט זיך פלענער ווי אַזוי מען ווערט פּטור פון אָט דער שווערער לאַסט, וואָס זויגט ביי מיר אויס יעדן טראָפּן בלוט, ווי אַ פּיאַווקע...

אפשר זאָל איך אַריינגיין אין אַ קינאָ? — טראַכט איך מיר. אָבער ניין, דאָס איז נישט פאַר מיין געדולד. אפשר גאָר גיין אין יידישן טעאַטער? אויך



נישט! טאָמער שפּילט מען דאָרט גראָד אַ דראַמע, וואָס קען מיך נאָך ברענגען צו טרערן און מיר נאָך שווערער מאַכן מיין געמיט. עס טויג ווידער נישט...

איך קען זיך פאַר אַ גרויסן עקשן (דעם אמת מעג מען זאָגן אפילו אויף זיך אַליין), און איך ווייסשוין פאָרויס, אַז דאָס שטיק וועט מיר נישט געפעלן און איך וועל אַרויס מיטן זעלבן געפיל, מיט וועלכן איך בין אַריין. ניין, אַן עבירה די פאָר גראָשן...

עס איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט מיך מאָמענטאַל צופרידנגעשטעלט. איך וועל אַריינגיין אין אַ „מילינער שאָפּ” און מיר קויפן אַ נייעם הוט... איך גיי שנעל צו צו אַ שוי־פענסטער, קלויב זיך אויס איינעם פון די שענסטע, מאָדערנע העטס, גיי גלייך אַריין אין געשעפט, מעסט אים אָן, קוק אַריין אין שפּיגל, און דער הוט פּאַסט מיר פיין. איך ווער באַגייסטערט!

איך טראַכט ביי מיר, אַך ווי אַלע ווייבער וועלן דאָס קוקן אויף מיר מיט כוונה; נישט אַזוי צוליב דעם הוט גופא, ווי צוליב דעם וואָס ער פּאַסט מיר אַזוי שיין...

איך פרעג מיך אָן דעם פּרייז. ער איז צוגעגנגלעך, און איך באַשטיי. די פאַרקויפערין פּאַקט אים שוין איין. איך כאַפּ מיך צו דער קעשענע, כדי איר צו באַצאָלן, און ס'ווערט מיר פינסטער פאַר די אויגן... די קעשענע איז ליידיק!

אַרויסלויפנדיק פון הויז מיט מיין שווער געמיט, האָב איך פאַרגעסן צו נעמען דעם האַנט־בייטל. פאַרשעמט, זאָג איך עפּעס אַ פּאַסיקן אויסרייד און לויף אַרויס פון געשעפט, ווי אַן אָפּגעבריטע... מיר ווערט ערשט טאַקע ביטער אויפן האַרצן, אַזש עס ווילט זיך מיר צעוויינען ווי אַ קליין קינד.

פּלוצלינג דערזע איך פון ווייטנס, לויפנדיק כמעט אָן אָטעם, מיין פריילעכן לאַנדסמאַן. איך האָב זיך דערפרייט נאָך דעם ווי איך האָב אים שוין נישט געהאַט געזעען אַ לענגערע צייט. איך טראַכט מיר, אָט וועט ער מיר באַלד דערציילן עטלעכע שיינע וויצן, אַ שיין מעשהלע, ווי ער קען. מיר וועט שוין אַ ביסל לייכטער ווערן, און איך וועל אין אַלעם פאַרגעסן...

אָבער ער גייט מיר פאַרביי, און איך באַמערק ווי ער זוכט אַלע מיטלען מיך אויסצומיידן. איך לויף אים אַנטקעגן, כאַפּ אים אָן פאַרן אַרבל און פרעג:

— וואָס איז מיט אייך? איר דערקענט מיך שוין נישט מער?

ער בלייבט שטיין, איך באַטראַכט אים און וווּנדער מיך. עפּעס נישט דער זעלבער מענטש. נישטאָ מער דער ליבלעכער שמייכל אויף זיין פּנים, נישט די פריילעכקייט.

— וואָס איז מיט אייך? — פרעג איך אים, דערזעענדיק די פאַרענדערונג

— וואָס זענט איר אַזוי ערנסט, אַזוי פאַרצווייפלט? ווּהין לויפט איר עס אַזוי גיך? איר ווייסט גאָרנישט, ליבער מענטש, ווי איך דאַרף אייך איצט האָבן! איך זוך אייך אַרום ווי מיט ליכט... — זאָג איך צו אים — נישט פאַר אייך געדאַכט, איז מיר אַזוי ביטער אויפן האַרצן, און איך וויל, אַז איר זאָלט מיך מאַכן לאַכן ווי אַמאָל... טייערער לאַנדסמאַן מיינער, דערציילט מיר עפּעס אַ

גוטן וויץ. איר וועט מיך דערהאַלטן ביים לעבן . . .

— איי — ענטפערט ער מיט אַ זיפץ — עס לאַכט זיך נישט און עס וויצלט זיך נישט ביי מיר ווי אַמאָל. היינט, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ ביטערע צייט, קיין סך אַרבעט איז נישט פאַראַן, דריי קינדער ליגן ביי מיר קראַנק אויף די „פלו“, צוויי גייען נעבעך אַרום אָן שיכלעך און עסן נישט צו דער זעט. נישטאָ די פרנסה פון אַמאָל. די קעלטן זיינען גרויס, קיין געלט אויף קוילן איז נישטאָ. מיין עלטערע טאָכטער זיצט ביי מיר, ווייל איר מאַן — אַ פגירה זאָל ער איינ־נעמען — איז אַוועק פון איר; העלפט זי אונז עסן דאָס, וואָס מיר האָבן אַליין נישט . . . באַלד קומט יום טוב, מען דאַרף אָנגרייטן און עס איז נישט פאַר וואָס . . . מיין לאַגע איז אַ טרויעריקע. דער לענדלאָרד האָט געגעבן נאָטיס, אַז מיר זאָלן „מופן“, ווייל מיר צאָלן קיין רענט נישט. און איר ווילט איך זאָל זאָגן וויצן און אייך מאַכן לאַכן, האַ?! ניין, מיין ליבע, מיר לאַכט זיך נישט מער — האָט ער געזאָגט, און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ — נישטאָ די צייטן פון אַמאָל!

מיך האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן פון גרויס רחמנות אויף אים. איך האָב אים צוגעהאַלטן, אַז ער זאָל נישט אויף גיך אַנטלויפן און געזאָגט אין אַ פריינטלעכן טאָן:

— קומט אַהיים צו מיר אַ ביסל. ביי מיר איז ליכטיק, וואַרים. איך וועל אָנשטעלן דעם „טעלעוויזשן“, מאַכן אַ הייסע „קאָפּ־אָף־טי“, מיר וועלן פאַרברענגען אַ שעה־צוויי, און איר וועט דערווייל פאַרגעסן אייערע צרות . . .

— ניין, ניין, לאָזט מיך אָפּ. איך קען מיט אייך נישט פאַרברענגען לענגער, און איך וועל מיינע צרות נישט פאַרגעסן. זיי באַגלייטן מיך ווו איך שטיי און גיי. איך בעט אייך, האַלט מיך לענגער נישט אויף, ווייל איך מוז לויפן; און לויפן וואָס געשווינדער . . .

— וווהין מוזט איר עס אַזוי שנעל לויפן? — פרעג איך נייגעריק.

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט מיין לאַנדסמאַן אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט, און אַ פאַרשעמטער האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — פאַרשטייט איר מיך — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט — איך מוז . . . לויפן נאָך אַ דאָקטאָר . . . ווייל מיין ווייב גייט צו קינד . . . — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

איך בין געבליבן שטיין ווי צעטומלט פון זיינע רייד, טראַכטנדיק, ווי מערקווירדיק דאָס לעבן איז! . . . דריי קינדער ליגן ביי אים מיט די „פלו“, צוויי גייען אַרום באָרוועס, האָבן נעבעך קיין שיכלעך נישט. די עלטסטע טאָכטער זיצט ביי אים, העלפט אים עסן דאָס וואָס ער האָט אַליין נישט . . . דער „לענדלאָרד“ האָט אים געגעבן נאָטיס ער זאָל „מופן“, און ער לויפט גאָר נאָכן דאָקטאָר, ווייל זיין ווייב גייט צו קינד . . .

וואָס האָב איך מער געקענט טון ווי אים צווינטשן, אַז זי זאָל בשלום איבערקומען און אַז עס זאָל אים צוקומען נאָך איינס, לייכט און גרינג, אַ נאַקעטס, אַ באָרוועס׳ דעם „לענדלאָרד“ אויף צופיקעניש.



בן-א. סאכאטשעווסקי

## שפיל פאר מיר . . .

אָ, שפיל מיר דאָס ליד אָן די ווערטער,
ווייל ס׳איז איצט אַזוי אויך מיין ליד;
בלויז טענער, געפילן־ מעלאָדיע,
וואָס מאַכן די אויערן ניט מיד.

אין ליד אָן אַ ווערטער דערוואַכן
חזיונות אין טעג שוין פון לאַנג;
אַ יוגנט מיט ליבשאַפט צע׳חלומ׳ט
אין עפּעס אַ וייטן געזאַנג.

עס איז נאָר פאַרבליבן אַן עכאָ,
אַן אָפּשטראַל פון ליכט וואָס צאַנקט אויס,
ביז לאַנגזאַם וועט עכאָ און אָפּשטראַל
פאַרבלייבן אַן אָנדענקן בלויז.

אָ, שפיל מיר דאָס ליד אָן די ווערטער,
וואָס דו האָסט ערשט נעכטן געשפילט,
ווייל איך וויל אויפסניי איבערלעבן,
וואָס איך האָב שוין לאַנג ניט געפילט.

אין ליד אָן די ווערטער צעציטערט
מיין גוף און נשמה אין פרייד,
און וואָס ס׳איז אַוועק ווערט פאַרגעסן,
ווי ס׳וואָלט ניט גערירט זיך די צייט.

איך בין ווידער יונג אין מיין בענקשאַפט,
און יאָג אויף מיין וועג זיך צו גליק,
מיט טויזנטער סודות צעפינקלט,
וואָס טאַנצן אין פאַראויס מיין בליק.

אָ, שפיל מיר דאָס ליד אָן די ווערטער,
וואָס דו שפילסט פאַר מיר שוין ניט מער,
ווייל אַלט איז געוואָרן די פּיאַנאָ,
און טויבלעך דער חוש פאַר געהער.

עס קלינגען די טענער שוין פאַלשע,
די ביינדלעך פון קלאַוויר פאַרגעלט,
אַזוי ווי די מתים פאַר קבורה
פון נעכטיקן לעבן און וועלט.

אָ, זינג מיר דאָס ליד אָן אַ ווערטער
מיט טיפן און ציטער געפיל,
עס פאַלט דאָך שוין באַלד צו דער אָוונט
און אומעטיק ווערט אַלץ און שטיל.

## דער סוד

ווען איינער וויינט, דער צווייטער לאַכט,
ווו איז דיין גלייכהייט, גאָט,
און יעדע זאַך פון דיין באַשאַף
פאַרבלייבט פאַר אונדז אַ סוד?

מיר לעבן, האָפן און פאַרגיין
אָן לייזונג פון דעם סוד,
און וייסן יאָ און ווייסן ניט
ווער דו אַליין ביזט, גאָט.

מיר זוכן דיך פון אָנהויב מענטש
אין אונדזער פרייד און לייד,
און קענען קיינמאָל ניט דערגיין
דיין גרויסקייט און באַדייט.

פאַרהוילן בלייבט אַלץ דיין געשטאַלט,
דיין טיפקייט און דיין ווייט,
און ס׳איז אונדז פרעמד דער צוועק פון אַלץ,
פאַראייביקט אין דיין צייט.

געבורט און טויט־געהיימניס
אין אַלץ אין אונדז אַרום,
און פראַגן טויזנטער געפרעגט
אָן ענטפער בלייבן שטום.

עס בליט דער גאָרטן, פעלד און וואַלד,
דער בוים און שענסטע בלום,
און אַלץ וואָס בליט לעבט אָפּ, פאַרוועלקט
אין זון־פאַרגיי און קום.

עס גייט אונדז נאָך אַ שאָטן בלויז
פאַרהילט אין שווייגן־סוד,
און איבער אַלץ שוועבט אום דער גייסט
פון דיר, נאָנט־ווייטער גאָט.

וואָס איז דער תכלית פון דיין וועלט,
פון דיין באַשאַף, אָ, גאָט,
ווען אַלץ וואָס איז און וועט נאָך זיין
פאַרבלייבט פאַר אונדז אַ סוד?



שמואל וווהייט

## נאָך וואָס מ׳ברויך די נאַכט

פאַרקלערט שטייט פּאמאכעט,
דער כעלעמער פּאָעט
מיט דעם שוואַרצן קראַוואַט
פאַרשלעפּט אָן אַ זייט,
און גיט זיין ציגן־בערדל אַ גלעט.
שטייט ער און טראַכט:
„נאָך וואָס האָט דער ליבער גאָט
„געמאַכט די נאַכט?
„צו וואָס?"
און ס׳לויפן זיינע ברילן
אויף דער הויקערדיקער נאָז,
ווי אַ ווילד־צעשראָקענער האָז.

שטייט פּאמאכעט און טראַכט;
מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט,
און מיטאַמאָל פּאמאכעט לאַכט!
ער האָט דערטראַכט
נאָך וואָס מ׳ברויך די נאַכט...
שמייכלט פּאמאכעט זאַכט
און זאָגט: „אַך, טי, באָזשע מאָי!
געוויס מוז עס זיין אַזוי.
אַז נישט? צו וואָס האָט מען לאָמפּן געמאַכט,
אויב עס וואָלט נישט זיין קיין נאַכט?!"
צופרידן איז דער פּאָעט פּאמאכעט
פון דעם איינפאַל דעם קלוגן;
ער וועט עס פּאָעטיש באַשרייבן,
און די רעכטע מטבע דערפאַר קריגן...

## מלאכים

דער באַרימטער פּאמאכעט,
דער כעלעמער פּאָעט,
מיט זיין ציגן־בערדל,
מיט דער הויקערדיקער נאָז,
און מיט זיינע ברילן,
האָט זיך זיין אייגענעם ווילן.
און ווען זיין פאַנטאַזיע
האַלט זיך אין צעשפּילן

מיט דערהויבענע געפילן,
זעט ער דורך זיינע ברילן
וואָס זיין האַרץ נאָר גלוסט...
און נישט אומזיסט
איז ער אַזוי באַרימט.
איצט האָט ער דערזעען
ווי מלאכים צוויי
שפּילן זיך אַרום אין היי,
קושן און האַלזן זיך, און לאַכן,
און פּראַוועז מלאכים־זאַכן.
רוקט ער זיך נענטער צו צו זיי.
איז פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט
אָנגעקומען אַ ביסעלע צו פרי;
האָט ער באַלד דערפילט
אַ פּאָר פאַר די אויגן,
זענען זיינע ברילן ווי פאַרפלויגן.
עס פינסטערט אים אין די אויגן,
און מיט שרעק דערפילט ער קלעפּ:
קלעפּ פון רעכט און לינק.
נאָר אַ גליק נאָך, אַז פּאַמאַכעט
איז אַזוי גרינג.
לויפט ער טאַקע אַזוי פלינק.
אַז נישט, וואָלטן די מלאכים נאָך קענען
אים אַ לעבעדיקן פאַרברענען!
טראַכט זיך פּאַמאַכעט און רעדט,
מיט מלאכים וויל ער נישט האָבן צו טיען,
זאָלן זיי זיך באַקוועם אין הימל אַרומפליען!

## אַ רעפּעראַט איבער אייער

דער באַרימטער פּאַמאַכעט,
דער כעלעמער פּאָעט,
וועט האַלטן אַ רעפּעראַט
אין אַ באַשטימטער צייט;
איז אויף פּלאַקאַטן
געשריבן געווען.
די כעלעמער האָבן געלעזן,
זענען זיי אין צייט געקומען
און די פּלעצער פאַרנומען.
און צו דער באַשטימטער צייט



איז פּאַמאַכעט אויך געקומען,
מיט זיין ציגן־בערדל צעשפּרייט
און מיט די ברילן אויף דער הויקערדיקער נאָז.
און אויפן טיש איז געגרייט געווען
אַ פלאַש וואַסער און אַ גלאָז.
דער כעלעמער פילאָזאָף
האָט פּאַמאַכעטן געגעבן ס׳וואָרט,
און באַלד אויפן אָרט
האָט פּאַמאַכעט מיט אַ ברען
באַוויזן וואָס ער קען...
„לאָמיר, זאָגט ער, נעמען אַן איי.
„ס׳האָט אַ ווייסל און אַ געלבל,
„און אויסבריען בריט די הין
„אַ הינדל, און נישט קיין קעלבל!“
„בראַוואָ! בראַוואָ!“ — פּאַטשט אַלט און יונג,
און פּאַמאַכעט קוויקט זיך מיט אַ טרונק.
„און ס׳זעלבע איי, אויב מ׳וויל,
„קען מען דערפון מאַכן אַזוי פיל!
„אָט נעמט, צום ביישפּיל,
„אַן איי מיט רעטעך און שמאַלץ,
„און דערצו אַ ביסעלע זאַלץ —“
פּאָסמאַקעוועט זיך פּאַמאַכעט,
און ווינקט מיט אַן אויג —
„און אַן איי מיט הערינג־רויג,
„מיט אַ ציבעלע צוגעביסן,
„און מיט מאַסלינעס און אַנגרעסן;
„מעג עס אפילו זיין אָן אַן איי,
„און צוטרינקן אַ גלעזל טיי
„איז שלעכט“ — לאַכט פּאַמאַכעט.
נאָר וואָס איז מיטאַמאָל געשען?
מ׳האָט דעם כעלעמער משוגענעם דערזען.
און געצילעוועט האָט ער, איינס און צוויי,
און געפלויגן איז אַן איי נאָך אַן איי...
און יעדער געצילעוועטער שאָס
האָט פּאַמאַכעטן געטראָפן
אויף זיין הויקערדיקער נאָז.
און צעטראָגן האָט זיך גלייך
נישט קיין געשמאַקער ריח;
און צערונען זענען זיך געלבלעך

אויף פאַמאַכעטס ציגן־בערדל,
אַזוי פליסיק, אַזוי ווייך.
דאָך פאַמאַכעט דער כעלעמער פאָעט —
איז אין גאַנצן נישט דערצערנט;
ער האָט היינט אויך עפּעס געלערנט...
כאָטש מ׳האָט אים נישט געשווינט,
און מיט פוילע אייער „באַקרוינט",
איז ער אָבער צופרידן צו וויסן,
און מ׳קאָן אַזעלכע אייער אויך נוצן...

## משה דאמב

### מאַלינא (פון בוך „צובראָכענע מענטשן")

דער שטאַב־אָפיציר פון אונזער אָפּטיילונג, אַ דענערווירטער מענטש, שטענדיק מיט לאַנגזאַמע טריט, פאַרכמורעטע אויגן, אַ דאַר לאַנג פּנים, מיט אַ פאַרריסן נעזל, ווי אַן אַרבעסל גרויס. כ׳האָב אים באַמערקט, אויף אַ בערגל, ניט ווייט פון אונזער פּאָזיציע. ער האָט געהאַלטן די שפּאָקטיוון אין ביידע הענט, און אָבסערווירט דעם שונא׳ס באַוועגונגען. אַלץ פאַרצייכנט שנעל, מיט פינטעלעך וועגן יעדן פונקט, ווו דער שונא געפינט זיך. ער איז צוריקגעקראָכן לאַנגזאַם, מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל אים ניט האָבן באַמערקט ערגעץ. זיינע טונקעלע מאַנדל אויגן, זענען נאָך מער געווען פאַרכמורעט און האָבן זיך לייכט באַוויגן פון אויפרעגונג. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט, אָפּגעווישט דעם קורזש פון מונדיר. שטענלנדיק אַ טריט פאָראויס, האָט ער מיך צוגערופן און שנעל געגעבן אַ זאָג מיט באַפעל:

— איר׳ט נעמען פיר קלוגע, דערפאַרענע, זעלנער, און גיין אויף פּאַטראָל. דער יונגער לייטענאַנט מאַלינאַ גייט אויך מיט אייך; פאַרשטאַנען? אָבער געדענקט, ניט צו מאַכן אַ פאַלשן טריט, און דער עיקר צו זיין זער פאָרזיכטיק. די דייטשע בעסטיעס קענען אייך נאָך דערזען, זענען מיר אַלע קאַפּוט, פאַרשטאַנען? טאָ נעמט דעם פּאַטראָל און מאַרש.

דער יונגער לייטענאַנט מאַלינאַ איז באַלד אָנגעקומען מיט די פיר סאָלדאַטן. דער אָפיציר מאַלינאַ איז געווען זער אַ שיינער, מיט ברייטע געזונטע פּלייצעס. די טונקל בלאָנדע האָר האָבן זיך ביי אים געפאַליעט ווי דער צייטיקער קאָרן. די בלאָע אויגן האָבן אַפוירגעקוקט פון אונטער׳ן שטאָלענעם קאַסקעט עטוואָס מיט אַ מורא פאַר די צוקונפט. די פיר סאָלדאַטן האָבן שווייגנדיק געוואַרט אויף ווייטערע באַפעלן. אָבער אויך זייערע פּנים׳ער זיינען געווען איבערשראָקענע, אויך זייערע אויגן האָבן געציטערט אונטערן שטאָלענעם קאַסקעט. מיר האָבן אַלע ביינאַנד מאַרשירט אין דער ריכטונג ווו ס׳געפינט זיך דעם שונא׳ס פּאָזיציע. מען האָט אויסגעמיטן די דאָרפישע הייזקעס, מען איז מערסטנס געגאַנגען איבער קוסטעס, וואָס האָבן זיך געשלענגלט נעבן דעם שוואַרצן וואַלד, אין גרינע לאָנקעס.

דער אָפיציר מאַלינאַ, אַ סענטימענטאַלער דאָרפישער אינטעליגענט וואָס



האָט ליב צו ריידן, קוקט מיך אָן מיט זיינע בלויע אויגן, זיי ווילן שמייכלען אָבער זיי קוקן ערנסט: „יעצט זעט מען אַז האַסן איינער דעם אַנדערן האָט ניט קיין שום צוועק. ווי נאַריש, פאַרגרעבט, דער מענטש איז, מיט זיין האַס. דער קריסט האַסט דעם ייד, און דער ייד דעם קריסט; די קויל טרעפט יעדן גלייך, וואָס ניט? די מאַמעס ווייסן דאָס אפשר ניט, אָבער גיי שיק אַלע מאַמעס אויפן פראָנט, אָדער לערן די נאַאיווע, נאַרישע, די דערפאַרונגען פון הינטישן לעבן אויפן פראָנט. ס׳וואָלט כאָטש אויפגעהערט דאָס חיה׳שע העצן, פון מענטש צו מענטש. און וואָס האָט שוין נאַפּאָלעאָן אויפגעטאָן? אויסגעשחט׳ן אַ פערטל פון זיין פאָלק, און חרוב געמאַכט אַ טייל וועלט און אייביק פּאָזירט. אַז דער רוח איז אומעטום געווען מיט נאַפּאָלעאָנען און כסדר אים צוגעזעצט: שלאָג, האַק, פיר מלחמה ברודערקע. אַזוי איז אויך געווען מיט אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, מיט צעזאַרן, און אַזוי וועט זיין מיט דעם שד היטלער. אפשר ניט?"

ער האָט מיך כסדר געמינטערט מיט פראַגן, כ׳האָב ניט געוואָלט רעדן וועגן די פאַרשאָלטענע מלחמה׳ס, האָב איך געפרעגט שנעל פון וועלכע געגנט ער שטאַמט. האָט ער מיר באַלד דערציילט אַז ער שטאַמט פון אַ דאָרף נעבן לובלין. אין דער היים איז ער געווען אַ שול לערער. איבערגעלאָזט אַ מאַמע, מיט נאָך אַ יונגערן ברודער, וואָס האָט געהאָלפן די מאַמע צו שפּייזן פון אַ קליינע פאַרמע, און בינשטאָקן מיט האָניק. אויך האָט ער איבערגעלאָזן אין דער היים אַ כלה, זער אַ שיין יונג בלאָנד מיידל. ער ווייזט מיר אַ בילד און זאָגט שטיל: דאָס מיידל ליב איך נאָך מער ווי אַמאָל, כ׳געפין אין איר אַן אידעאַל, אַ זין, אין דעם פאַרפלוכטן, פראָנטישן לעבן. אַז כ׳וועל אַהיים קומען חלילה אָן אַ פוס, אָדער הענט, דענקט איר אַז דאָס שיינע בלאָנדע מיידל וועט מיך נאָך אַזוי ליבן? אָבער ווי? פרויען זיינען זער אויבערפלעכלעך, זייערע הערצער קלאַפּן דעמאָלט, ווען די אויגן פילן פאַרגעניגן. אָ, איך קען גוט די פרויען נשמה, זיי זיינען זער לייכטזיניקע באַשעפענישן... אפשר ניט?

פלוצלינג הערן מיר הילכיקע שאָסן. ערגעץ האָבן די פעלד מינעס אויפגעריסן ניט ווייט פון וואַלד. דער קראַך איז ווי אַ שרעקלעכער דונער, וויילדער וואַלד־עכאָ ענטפערט צוריק, און פאַרציט די שאָסן ערגעץ טיף אין וואַלד אַריין. דער אָפיציר מאַלינא ווערט בלאַס, און שווייגענדיק. איך שווייג אויך. ער פרעגט מיך כסדר פאַרוואָס איך רעד גאָרניט:

— איר זענט אייביק אַזאַ רעדעוודיקער פול מיט לעבן, געלעכטער, חוזק, און יעצט שווייגט איר, וואָס איז מיט אייך?

—כ׳בענק שרעקלעך, — ענטפער איך אים, — נאָך מיין היים. יעדער מינוט דאַכט זיך מיר, אַז די דייטשע בעסטיע איז באַפאַלן מיין היים, אַלעמען אויסגעשחט׳ן, אָדער פאַרשלעפּט ערגעץ ווו. און באַזונדער האָב איך געפילט זיך זער פאַראַנטוואָרטלעך אויפן פראָנט, כ׳האָב געזען אויסצומיידן געפאַרן, וואָס לויערן אויף דער פראָנט ליניע. כ׳זאָג ווייטער צו דעם אָפיציר:

— יעדער זעלנער, אָפיציר, ווען ער גייט אויפן פראָנט, דאַכט זיך אים

שטענדיק, אַז אַן אַנדערער ווערט דערשאָסן אָדער פאַרוואונדעט, נאָר ער זעלבסט בלייבט לעבן, איז דאָס אַ גרויסער פסיכאָלאָגישער טעות. אַ מענטש באַדאַרף קיינמאָל ניט זיין זיכער מיט זיך צופיל, אַ פראָנט איז אַ שפיל, אַ האַזאַרט. דער וואָס גייט צו געווינען דער ווערט אייביק אָן.

מאַלינאַ איז פולשטענדיק מסכים מיט מיר, און קלאָפט מיר איבער די פלייצעס; אַז כאָטש כ׳בין אין שרעקלעכן געפאַר און כ׳פאַרליר ניט דעם געדאַנק איצט, וועל איך ניט פאַרלוירן ווערן אין ערגעץ. מוט איז אַ גרויסע זאַך, אפשר ניט?

ס׳קומט אָן מיט דער לופט אַ שרעקלעכער געשטאַנק פון גאַז, פולווער, ווי געפרעגלטע ציבעלעס, אויסגעמישט מיט בענזין ריח, ברענענדיקע סמאָלע, אויסגעמישט מיט די שאַרפע קילע וואַלד לופט. יעצט מוזן מיר כסדר קריכן אויף די ערד ווי ווערים. מיר דערזעען אָט נעבן אונז ברענען טויטע פערד מיט אַ קופע דערשאָסענע זעלנער. דאָס האָבן די דייטשן באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן, ס׳זאָלן זיך ניט צעשפרייטן עפידעמישע קראַנקייטן. דאָס אַלץ האָט נאָך מער פאַר׳סם׳ט די לופט, און געמאַכט אומעטיק מיד, ווי עפעס אַ בליי וואָלט זיך געלייגט אויפן מוח. פון דעם אַלעם ווערן מיר שטאַרק דורשטיק. כ׳באַמערק שנעל פון ווייטנס ווי דייטשע טאַנקן פאַטראָלירן און קרייזן אַרום די ווייס געקאַלכטע שאָסייען נעבן וואַלד, אין די לאָנקעס, און לאָזן נאָך זיך שאָסן, מיט רויך, און שרעקלעכן קורזש פון די געקאַלכטע שאָסייען. איך האָב געראַטן שנעל צו מאַכן אָקאָפעס נעבן אַ קליין צעמענט בריקל, ניט ווייט פון וואַלד, אין די לאָנקע. ס׳איז געווען אַ טיפער לאַנגער גרוב. מען האָט שנעל אויסגעטון דאָס געווער, אַוועקגעלייגט די שווערע מאַנטלען.

האָפער, אַ גאַליציאַנער ייד, מיט כיטרע קליינע ביער אויגעלעך, האָט כסדר געשאָלטן אויף אוקראַיניש, פויליש, און גענומען שטאַרק זיך קראַצן און לויזן, און יעדער לויז געשאָלטן מיט די ערגסטע קללות. ער האָט זיך געבעטן דערלויבעניש אויסצוטאָן די בגדים, אויסצולויזן ס׳העמד. אָבער דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן אויף די פראָנט ליניע. ער האָט געבעטן אַ צווייטן זעלנער ער זאָל נעמען די ביקס און אַזוי וואַלגערן איבער זיינע פלייצעס, ביז ער וועט צוקנייטשן אַלע לייז. „האַק, שטויס, קנייטש. זאָלן אַלע לייז צעדריקט און צעקוועטשט ווערן. אַ רוח אין זייער פופיק און לעבער אַריין“ . . .

דאָס שיסן האָט אַ ביסל אויפגעהערט. איך און דער אָפיציר מאַלינאַ זענען לאַנגזאַם אַרויס פון די אָקאָפעס און צוגעקראָכן צו די דערנעבנדיקע קוקורודזע קוסטעס, כדי צו אָבסערווירן יעדער באַוועגונג פון שונא.

פון אַ גרויסן גראַנאַט, וואָס האָט געהאַט אויפגעריסן נעבן מיר, מיט עטלעכע טעג פריער, ביי אַ באַן בריק, האָט ס׳אויער מיר כסדר גערוישט, האָב איך ניט געהערט די קוויטשערייען. מאַלינאַ כאַפט מיר אָן ביים אָרעם און ווייזט מיר מיטן פינגער: „איר הערט ניט, צום טייוול, ווי אַ מיידל קוויטשעט?“

באַלד דערזען מיר אַ געזונט, שיין דאָרפיש מיידל, פון אַ יאָר זעכצן



אָדער זיבצן, אירע פלאַקסענע האָר זיינען צעפלאָסן איבער איר שיינעם קאָפ. דער ביוסט ענטבלויזט, די קליידער צעריסן, ס׳פנים פאַרבלוטיקט, פאַרוויינט, מיט אירע שלאַנקע פיס האָט זי זיך קוים דערשלעפט צום דערנעבנדיקן טייכל, און דערביי געררופן הילף צום דאָרף. אַ ווידערקול ענטפערט מיט אַן עכאָ פון וואַלד. אויף מאַלינאַ מאַכט דאָס אַ זער שטאַרקן איינדרוק. זיין פנים ווערט ווייס ווי קאַלך. זיין כעס איז אויסער זיך! מיר דערזען באַלד דעם יונגען חיהשן דייטש, וואָס האָט פאַרגוואַלדעט דאָס יונגע שיינע דאָרפס מיידל דער דייטש איז אַ הויכער שטאַרקער, מיט אַ רונדיק רויט פנים, מיט ברייטע נאָזלעכער ווי ביי אַ בולדאָג. ער רייניקט זיך פון זאַמד און בלאָטע און ווישט זיך דאָס מויל פון בלוט. דער אָפיציר מאַלינאַ ציט אויס די מאַשין ביקס, ער וויל שיסן. איך האַלט אים קוים איין, ווייל מיט דעם איינעם שאָס קען ער פאַרראַטן אונזער פאַטראָל, און דעם גאַנצן באַטאַליאָן אונטער אונז, און די ציווילע באַפעלקערונג און די שטעטלעך. מאַלינאַ שעלט די דייטשן, מיט זייער קולטור און ציוויליזאַציע.

דערווייל דערנענטערט זיך צו אונז דאָס שיינע דאָרפס מיידל. דער אָפיציר מאַלינאַ, רייסט זיך צו איר, וויל איר העלפן. אָבער ער בלייבט שטיין נעבן מיר. ער האַלט זיך, אויב ער וועט אַרויס פון די געדיכטע קוסטעס, וועט אפשר דער שונא באַמערקן אונזער פאַטראָל, ווייל מיר זענען זיכער געווען אַז אויך אַ דייטשער פאַטראָל ליגט ערגעץ דאָ באַהאַלטן, ניט ווייט פון אונזערע אָקאָפעס, און אָבסערווירט אונזערע אָפטיילונגען.

דאָס מיידל האָט זיך ענדלעך אַוועקגעזעצט נעבן אַ לאָנקע טייכל, זיך אַרומגעוואַשן, צערעכט געמאַכט אירע בלאָנדע לאַנגע האָר, פאַרדעקט איר ענטבלויזטן ביוסט און מיט לייכטע טריט אַוועק צום דאָרף. ווי נאָר זי איז אַריבער דאָס וואַסער בריקל, אַזוי האָט אַ דייטשע פאַטראָל איר נאָכגעשריגן, זי זאָל שטיין בלייבן. דאָס מיידל איז שוין געווען אַ דערשראָקענע, האָט זי ניט געוואָלט שטיין בלייבן, נאָר שנעל געלאָפן צום דאָרף צו. אַזוי לויפנדיק האָבן די דייטשע חיהס איר נאָכגעשאָסן. איך וויז מאַלינאַ ווי דאָס מיידל פאַלט אַ טויטע אין די קאַרטאָפל קוסטעס. דער לייטענאַנט מאַלינאַ שווערט פאַלט אַ טויטע אין די קאַרטאָפל קוסטעס. דער לייטענאַנט מאַלינא ווערט חיה׳ש אויפגערעגט, ער ביילט מיט די פויסטן. איך באַרואיק אים מיט די ווערטער אַז ס׳וועט אַמאָל קומען זייער סוף.

די נאַכט הויבט גרויען, די לופט קילער. ס׳ווילט זיך עסן. מאַלינאַ האָט שוין אויפגעגעסן זיינע „אייזערנע פאָרציע“. כ׳נעם אַרויס מיין שאָקאָלאַד און טייל זיך מיט מאַלינאַ. מיר פאַרצייכענען אַלע איינצלהייטן גענוי, אַפילו דעם פאַל מיט דעם דאָרפישן מיידל, און מיר גיין, פאַרזיכטיק, צוריק צום שוץ־גרוב.

די סאָלדאַטן שפילן אין קאָרטן. האָפער האָט אַלעס פאַרשפילט. ער שעלט און שפייט, ער רייסט זיך צום שלאָגן. מיר גלייכן זיי אויס, ער קריגט צוריק האַלב געלד פון דעם סאָלדאַט באַציאַן, און נאָך דעם מוזן זיי גיין אויף דעם נאַכט פאַטראָל. איך טרייסט זיי אַז געלד איז גאָרניט ווייל מען ווייסט ניט

וועמענס מאָרגן ס׳איז. אָבער זיי ווילן נישט באַגרייפן דעם ערנסטן מאָמענט פון געפאַר. זיי רעדן כסדר וועגן מיידלעך, וועגן געלד; די אַנדערע צוויי זעלנער וואָס בלייבן מיט אונז אין די אָקאָפּעס, בעטן זיך ביי אונז, אַן ערלויבניש צו גיין אין דאָרף אַריין זוכן מיידלעך. מאַלינאַ ווערט אין כעס. ער שרייט צו זיי: „דער דייטש וועט אייך דערזען וועט ער אייך דערשיסן ווי הינט". איך קלער אויף די זעלנער גוטמוטיק, אַז אַרום די אַלע דערפער רייטן פּאַטראָלן אויף פערד, אומעטום איז דאָ זער געפערלעך. און איך דערקלער מאַלינאַ, אַז אויפן פראָנט מוז מען לעבן מיטן זעלנער בשלום, ניט אָנשטרענגען צו פיל דיסציפּלין. מען מוז קענען די זער פאַרפּלאָנטערטע אייגנשאַפטן פון דעם זעלנער, ווען ער איז אויף די פראָנט ליניע. ס׳איז ניט קיין שכל צו דריקן דעם זעלנער מיט דיסציפּלין, ווען דער טויט שטייט פאַר די אויגן. מאַלינאַ איז מיט מיר מסכים, ער זעצט זיך אַוועק און — פאַרלייגט ביידע הענט צום קאָפּ.

ס׳איז שוין גוט פינסטער, העט, העט ווייט, באַמערקט מען אויפן הימל אַ דאָרפישע־לבנה וואָס זעט אויס ווי אַ שערבּ. פון ערגעץ הערט מען הינט וואָיען מעלאַנכאָליש. ווו ניט ווו הערט מען אַן עכאָ פון שאָסן. די זעלנער גיין אַוועק אויף נאַכט פּאַטראָל. איינער פון די זעלנער עצה׳ט מען זאָל פאַרדעקן די אָקאָפּעס מיט שטרוי און בלעטער. מאַלינאַ הייסט אָנרייסן קוקורודזע קוסטעס און וואַלד בלעטער, און פאַרדעקן דעם שוץ־גרוב. מאַלינאַ וויל אַרומלייגן אויפרייס באָמבעס אַרום די געגנט ווו מיר פּאַטראָלירן, אָבער איך דערקלער אים, אַז מיר אַליין קענען דערהרג׳ט ווערן פון די באָמבעס. מאַלינאַ זעט אַז איך בין גערעכט, זוכט ער אויס ערגעץ אין זיין טאָרניסטער עטוואָס שנאַפּס, און איז אונז אַלע מכבד. ער איז פריילעך, ער רעדט מיט האָפערדיקייט, ער צעלאַכט זיך און זאָגט, אַז די פּוילישע אַרמיי וועט אַריין קיין בערלין וועט מען נקמה נעמען אין די דייטשע חיות, און די אַנדערע צוויי זעלנער העלפן אים צו מיט פרייד, און פּלאָפּלען ביז זיי ווערן איינגעשלאָפן. כ׳הער כסדר שאָסן מיט קליינע איבעררייסן. מאַלינאַ מיט די אַנדערע זעלנער שלאָפן געשמאַק נאָכן אויסטרינקען דעם שנאַפּס. איך האָב בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן. ס׳האָבן זיך מיר כסדר פאַרגעשטעלט בילדער פון דער היים. כ׳האָב געזען ווי מיין מאַמע, בעט מיט טרערן ביי די פרייטאָג צו נאַכט ליכט, אַז כ׳זאָל אַהיים קומען בשלום; דער טאַטע זאָגט תהילים און בעט פאַר מיר אוודאי. ס׳ווערט מיר אומעטיק, כ׳פיל אַ פּוסטקייט אַרום זיך. כ׳בין מקנא די גויים מיט זייער האַרטן שלאָף.

איבער אונזערע אָקאָפּעס באַווייזן זיך בליצן פון ראַקעטן. אָפּט גיט די ערד אַ ציטער, ס׳טרייסלען זיך די בלעטער פון די קוסטעס איבער די אָקאָפּעס. ערגעץ שיסט שווערע אַרטילעריע. ס׳איז זער מורא׳דיק יעצט אַרויסצוּווייזן דעם קאָפּ פון די אָקאָפּעס.

אָבער דאָך קריך איך זער פאַרזיכטיק און נייגעריק אַרויס פון די אָקאָפּעס. כ׳דערזע מיט אַ ציטערדיקע קאַלטקייט, ווי ס׳ברענען די דאָרפישע הייזקעס; ס׳זעט אויס ווי אַ מורא׳דיקער גהינום: די שטרויענע דעכער קנאַקן אין די



פלאַמען, ערגעץ ברעכט זיך גלאָז. ווייסע דאָרפס טויבן אַנטלויפן, פּאַטשנדיק מיט די פליגל. אָט, אָט פליען זיי איבער מיין קאָפּ. ס׳איז פינסטער, אָבער די שׂרפה פון דאָרף באַלייכט אַ געוויסן שטח, ביז צום וואַלד. ס׳מאַכט אַ מורא׳דיק, שרעקעוודיקן איינדרוק. פעדערן פון צעריסענע פעזשינעס פליען אַרום אין די לופט, ווי עפּעס נאַכט פייגעלעך. אַ זיסער געשטאַנק פון פאַרברענטע העלצער, אויסגעמישט מיט פאַרברענטע מענטשן, חיות, פאַר׳סמ׳ט די קילע, פיינע וואַלד־לופט. פּלוצלינג דערזע איך אַ שטן וואָס שלעפּט עפּעס ביים ראַנד פון וואַלד, אָבער באַלד דערזע איך, ווי האָפּער שלעפּט באַטציאַנען. כ׳לאָז זיך פאַרזיכטיק אַראָפּ אין די אָקאָפּעס. כ׳וועק אויף מאַלינאַ און זאָג אים אַז באַציאַן איז פאַרוואונדעט. מיט שרעק כאַפּן זיך אַלע צום מאַשין געווער. איך באַרויִק זיי, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום געפאַר, נאָר מ׳מוז ראַטעווען דעם פאַרוואונדעטן זעלנער וואָס שנעלער ער זאָל ניט פאַרלירן קיין בלוט. ווען מען קומט אַרויס פון די אָקאָפּעס, שווייגן אַלע, אומקוקנדיק זיך פון פאָרנט און אונטן, מיט גרויס שרעק. די אויגן זענען עפּעס גרעסער און ס׳בלישטשן די ווייסלעכערץ פון דעם מוראדיקן בילד, וואָס אַלע דערזען פּלוצלינג. שנירן רויך שלענגלען זיך איבער די הויכע סאָסנע ביימער. מסתמא האָט ערגעץ אין וואַלד אויפגעריסן אַ באָמבע.

עס הויבט שוין אָן צו גרויען דער טאָג. מאַלינאַ לויפט שנעל צוריק אין שוץ־גרוב און קומט צוריק מיט שנאַפּס און נעצט איין דעם פאַרוואונדעטנס ליפּן. דער פאַרוואונדעטער ליגט רויִק מיט דער צונג, ס׳הערט זיך פון אים אַ שטילער קרעכצנדיקער „אָאָ". זיינע אויגן ווערן עטוואָס גרעסער און פּלוצלינג פאַרגלאָצן זיי זיך, ער קריצט שטאַרק מיט די ציינער, פאַר ווייטאָג. ער שטרעקט אויס זיין בלאַסע האַנד און ווייזט אויפן געווער, וואָס פּאַראַטשניק האַלינאַ טראָגט אין האַנט. מאַלינאַ ווינקט אַז ער וויל מען זאָל אים דערשיסן און פאַרקירצן די ליידן. מאַלינאַ פאַרקלערט זיך רגע און רוימט מיר איין שטיל אַז ס׳איז אפשר אַן אויפטו צו דערשיסן אַ מענטש וואָס ליידט. אָבער איך קוק אים אָן מיט פאַרוואונדערונג... מאַלינאַ לאָזט אַראָפּ זיינע טרויעריקע אויגן און הייסט האָפּערן ברענגען די פעלד אַפּטייק. איך לויף מיט סכנה צו צום וואָסערל נאָך קאַלט וואַסער. צוריק מוז איך שוין קריכן אויף אַלע פיר. ס׳זעט אויס אַז דער דייטש האָט פונערגעץ באַמערקט שאָטנס פון זעלנער. אָט, אָט ניט ווייט פון מיר פליט אַ קליינער האַנד־גראַנאַט. ליגנדיק אויפן גראָז זע איך אים פליען ווי אַ בויגן. ס׳פּנים איז באַגאָסן מיט שווייס. כ׳וואַרט צו אַ ביסל און איך קריך ווייטער. ווען איך קום קוים צו צום גרוב, דערציילט מיר מאַלינאַ מיט צעשראָקענע אויגן, אַז באַציאַן האָט אויסגעהויכט די נשמה.

מיר לייגן אַרונטער פיר ביקס אונטער זיין קערפּער און טראָגן אים אין וואַלד אַריין צו באַגראָבן, איין זעלנער האָט שוין דאָרט גרייט געמאַכט אַ גרוב. אין וואַלד איז נאָך אַלץ גוט פינסטער. די ביימער שאָרכן, ווי ריזיקע פאַליעס פון ים. ערגעץ באַמערקט מען אַ קליין שפּעלטעלע צווישן די ביימער, ווו די זון שיינט אַריין אין וואַלד און דערנעבן טרילט אַ שפּיל־פויגל צו דער

אויפגייענדיקע זון. דאָס גיט אונז עטוואָס פרייד, האָפנונג. עס הערט זיך פון ווייטנס אַן עכאָ, פול מיט טרויער, בענקשאַפט: „האָ, האָ". דאָס שרייען אוודאי דנ מענטשן וואָס זיינען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין פון פאַרברענטן דאָרף. מיר רייסן אין וואַלד בלומען. מיר באַשיטן פול דעם קבר מיט די ווילדע וואַלד בלומען. מאַלינאַ צעוויינט זיך ווען מען לאָזט אַראָפּ דעם קערפער אין גרוב אַריין. מיר שטעלן זיך אַלע גלייך און סאַלוטירן און געבן אָפּ דעם לעצטן כבוד פאַר דעם געטרייען זעלנער באָטציאָן. דער זעלנער סלינאַ מיט האָפערן, שניידן אָפּ אַ ווייסע בזשאָזע צווייג און מאַכן אַ צלם, און אויפן צלם הענגען זיי אויף באָטציאָנס העלמעט. נאַכהער גיין מיר אַלע צוריק צום שוץ־גרוב, מיט שווערע מידע טריט.

אַרויסקומענדיק פון וואַלד באַגעגנט אונז אַ פריידיקע, שיינענדיקע זון. דער טוי גלאַנצט ווי זילבער, קעגנאיבער די זון שטראַלן; פון ערגעץ שרייען קי טרויעריק ווי אַ געוויין נאָך זייער פאַרברענטע היים. מיר פילן זיך אַלע זער מיד און נידערגעשלאָגן. איך פראָפּאָניר מען זאָל אַלע צוריקגיין צום רעגימענט און אַלע זיינען איינשטימיק. פלוצלינג דערזען מיר ווי צוויי דייטשע פאַטראָלן זיצן אויפן גראָז אין געדיכטע קוסטעס און לאַכן פריידיק, עפּנענדיק דערביי פושקעס שפּראָטן. מיר ציען זיך אויס ווי סטרונעס אויפן גראָז, מיט אַ זער איינגעהאַלטענעם אָטעם נעמען מיר דאָס מאַשין געווער. מיר צילעווען ריכטיק און — טריאַך, טריאַך . . . מיר לייגן זיי אַוועק טויט. אַן עכאָ פון די שאָסן קומט צוריק איבער די געדיכטע ביימער. מאַלינאַ הייסט אויפהענגען די צוויי דערשאָסענע דייטשן, אָבער איך בין שטאַרק קעגן, ווייל דאָס קען שאַדן די ציווילע באַפעלקערונג אין די שטעלעך און דערפער. מיר לאָזן זיי איבער און מאַרשירן ווייטער איבערן וואַלד. אַלע פילן מיר אַ שטאַרקן הונגער און דורשט. מיר טרייסטן זיך, אַז ווייטער איבערן וואַלד איז דאָ אַ דאָרף, אָבער מיר ווערן באַלד ענטוישט: דאָס גאַנצע דאָרף איז פאַרברענט, די באַפעל־קערונג אַנטלאָפן ערגעץ אין וואַלד אַריין. דער דורשט ווערט שטאַרקער, מיר פאַרגעסן אין הונגער. ס׳ווילט זיך טרינקען. מיר נאָגן די דיקע גראָזן און דאָס צערייצט נאָך מער דעם אַפּעטיט אי צום עסן און טרינקען.

פלוצלינג דערזען די רעשט זעלנער, ווי ס׳בלאָנדזשען איבערן ראַנד פון וואַלד קי, אָן אויפזיכט. די זעלנער כאַפּן שנעל אַראָפּ די קאַשקעטן און לויפן מעלקן די קי. מיר ראַטן זיי ניט צו לויפן, אָבער זיי קענען ניט באַהערשן דעם שרעקלעכן דורשט. בליץ־שנעל האָבן זיי געמאָלקן די מילך אין די קאַס־קעטן אַריין, און באַלד דערהערט מען אַ סאַלווע שאָסן. אַלע, די זעלנער מיט די קי צוזאַמען ווערן צעריסן אויף פיצלעך. מיר מוזן שנעל אַלעס איבערלאָזן, ווייל דער שונא האָט אונז דערפילט. מיר בלאָנדזשען שווייגנדיק, מיר זיינען טיף אין וואַלד. מיר דערזען אַ קליין געל טייכל און מיר טרינקען זיך אָן. דאַן גיין מיר ווייטער, ביז מיר דערזען דאָס שטעטל יאַנאָוו־לובעלסק. ווען מאַלינאַ דערזעט דעם שפּיץ צלם פון שטעטלדיקן קאשציאָל, צעוויינט ער זיך פאַר פרייד.



## א. נ. שטענצל

### שיחות חיות ועופות

ווען דער ייד הקדוש האָט געפרעגט מיין זיידן,
אויב ער זאָל אים לערנען שיחות חיות ועופות,
האָט ער אים געענטפערט מיט אַ מענטשלעכן: „ניין".
און ווען דער ייד האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט:
„היתכן, איך קאָן עס נישט פאַרשטיין — —"

האָט דער זיידע ווייטער מענטשלעך געצויגן:
„מ׳קאָן נישט לערנען, וואָס מען פאַרשטייט נישט אַליין".

„בענדינער רב, ווי איז דער דין, כ׳מיין ביי משכחת,
ווי וואָלט איר גערעדט, מיט ווערטער צי מיט תנועות?"
דער ייד מיט הלצה־שמייכל, ווייטער געפרעגט.
„מיט ביידע", האָט דער זיידע בייז אים געענטפערט,
שוין קפּדנותדיק ווי זיין שטייגער אויפגערעגט.

„אויב אַזוי, ווייסט איר דאָך שוין", האָט דער ייד געשמייכלט,
„און אָנהויבן צו ריידן צו זיי איר וואָלט שוין געמעגט".

„איך לאָז עס איבער פאַר מיין אור־אייניקל
ער זאָל עס קאָנען מאַכן בעסער פון אונז ביידע",
האָט דער זיידע מעשה למדן אָנגעקוקט דעם ייד:
„ער זאָל נישט נאָר קענען ריידן מיט זיי,
נאָר ווי אַ פויגל גופא זאָל ער זינגען זיין ליד,

אַ חיה זאָל ער ווערן ווען ער וועט זיך צערעווען,
און צו קריצן מיט די ציין נישט צו ווערן מיד".

עס האָט דער ייד אויפגעהויבן זיינע אויגן
טיף און גרויס באַטראַכט מיט זיי מיין זיידן,
רחמנותדיק טרויעריק געקוקט אויף אים לאַנג,
צוויי טרערן זיינען זיינע שוואַרץ־ אַפּלען געוועזן:
„עס זאָל זיין, בענדינער רב, ווי אייער פאַרלאַנג".

דערפאַר־אָ איז מיין יידיש ליד צעריסן אַזוי,
האַלב חיה׳איש געבריל און האַלב פויגל־געזאַנג.

מיין געזאַנג
צווישן די מענטשן אַז איך וואַנדל אַרום,
אָטעמען די שטאַמען מיין טרויער אין זיך איין;
ס׳געשוויטש צווישן די וויגנדיקע צווייגן,
שטילשווייגנדיק, וויינען שוואַלבן אויס מיין געוויין.

מיט איינגעהאַלטענעם האַרץ שטיל איך בלייב שטיין,
מיין טרויער אַזוי דייטלעך פלאַטערן איך הער ;
מיט יעדן טוי־טראָפּן וואָס פאַלט פון אַ בלאַט,
אַ טריפנדיקע טרער אַזוי לויטער איך ווער.

אַ בלאַנקענדיקער הונט אַהין און אַהער,
משוגע סלינען זיינע שאַרפע בלאַנקע ציין,
אַזוי דריי איך מיך צווישן מענטשן אַרום,
מיטן גריזשענדיקן טרויער אין מיין געביין.

און ווען אַין מיין שטוב כ׳זיץ איינער אַליין,
אַ צעריסנס מיין האַרץ עס צאַפּלט אָן אויפהער,
הער איך פאַרמענצעט שוועלבל צווישן גראַטשעס,
אַ פּישטשענדיקס, וואָס קאָן שוין נישט אויסהאַלטן מער.

### די גילדענע פּאַווע

מיט איר גילדנסטער פעדער די פּאַווע,
אַ בריוועלע אַהער דאָ געשריבן ;
אַלע פעדערן זיך אויסגעריסן,
און די בעסטע דערצו אויסגעקליבן.

אָבער ווער ס׳זאָל קענען איבערליינען,
קיין איינער שוין דאָ מער נישט געבליבן!
וואַרט זי דאָרט אויף אַן ענטפער די פּאַווע,
אין פרעמדן לאַנד טרויעריק פאַרטריבן.

### דאָס גאָלדענע ציגעלע

ווו כאָוועט דאָס גאָלדענע ציגעלע,
אפילו אונטער האַרץ כ׳זאָלס פאַרוויגן,
אַז קיין בית המדרש דאַך איז נישטאָ,
עס זאָל זיך פּאַשן צווישן די ציגן.

ווי טרויעריק עס מריטשעט גאַנצע נעכט,
און ווי מיין האַרץ קאָן עס נישט איינליגן!
אַז פונם פענסטער פון בית המדרש,
קומט נישט דער איינוויגנדיקער ניגון.

### דער בופאַלאָקס

דאָס וואָס ראַטעוועט זיך, ווען די שיף גייט אונטער,
מוז דווקא אַ מויז זיין אָדער כאָטשע אַ ראַט,
וואָרים דער פוקס ווי קלוג און דער טיגער ווי שטאַרק,
וועט נישט דורכן לאָך אַדורך אַזוי גרינג און גלאַט.



אַ גרויסער בופאַלאָקס קאָן עס אַמאָל יאָ זיין,
אַ געוואַלטיק אויפגעבלאָזענער פון אַ מויז!
וואָרים ווען ער פּלאַצט, ווי גענמשלט אין משל,
שטופּט ער זיך שוין דורכן מויזן־לאָך מיט־אַרויס.

### שאלות ותשובות

**א.**

מחמת וואָס האָט זוכה געווען דער טכויר,
דער „צדיק אין פעלץ” זאָל טראָגן אַ פוטער פון זיין פעל?
— ווייל פון זיין שטינק די עופות אין הינער־שטייג,
פאַרגלייזן אויגן ווי נאָר ער באַווייזט זיך אויף דער שוועל.

**ב.**

אויב ער איז נישט מעלה גירה דער חזיר,
פאַרוואָס האָט גאָט אים באַשאַפן מיט געשפּאָלטענע טלאָ?
— מען קאָן גלאַט כשר זיין ביז צום שפּיץ־נאָגל,
נאָר אַז אין די געדערים דער טריפה חזיר איז דאָ.

**ג.**

ווען ס׳איז וואָר פון דער מאַלפּע ס׳שטאַמט אָפּ דער מענטש,
טאָ ווי קומט עס וואָס ער איז אין חזיר געראָטן גאָר?
— אָט, דאָס קומט פון זיין מאַלפּישן נאָכמאַכן,
דערפאַר מאַנכעס מאָל אין אַ הונט פאָכאָזשע אויף אַ האָר.

**ד.**

פאַרוואָס די חכמת, די קלוגע סאָווע,
מאַכט גנביש צו איין אויג ווען, מחשבות׳ן, זי טראַכט?
— מען מוז שוין פאַרקוועטשן אַן אייגל,
ווען מען וויל האַלטן ווי אַ סאָווע דאָס מויל צוגעמאַכט.

### פון ספר הבהמות

**א.**

עס וועט דיר נישט העלפן, דו נאַרישע קו,
אַזוי צי אַזוי אונטער מעסער מען וועט דיך ברענגען,
לעצטן טראָפּן מילך פון אייטער אויסגעקוועטשט,
וועסט דו אויף יאַטקע־האַק אַן אָנגעשוונדענע הענגען.

**ב.**

פערדישער קאָפּ, פון אַ בייטש־געשמיסענעם,
גרינג אַ מחיה ערשט די הויט פון אים צו שינדן,
און פון אַן אויסגעאַרבעטער פעל ביים לעבן,
פעסטער רימען אירע לאַשעקלעך אין יאָך צו בינדן.

ג.

אייזל דו, צי דיין געשריי וועקט רחמנות,
האַלטסט דו מיט דיין הירזשענדיקן געוויין אין איין פרעגן?
ווען נישט אָנגעשטעקט דערפון מיט געלעכטער,
לאַנגוויייליק געוועזן אויף די איינזאַם זאַמדיקע וועגן.

ד.

עס טאַנצט אונטער דאָס לאַכעדיקע קעמל,
און די שאָקלדיקע לעפּצן האַלטן אין איין זאָגן:
האָט ווער אַ פּעקל לייגט אים צו נאָך איינס,
טראָגט ווער לייכט זיין הויקער וועט ער שוין יענעמס מיטטראָגן.

## דאָס קראָען געקראַקע

הויך צווישן די הימלען פלאַטערט דער פויגל,
און אויף זיינע פליגל וויגט ער זיין ניגון,
אויף דער ערד פון פערדישן אָפּפאַל אַרויס,
אַ קליין קערנדל כאַטש אַרויסצוקריגן.

און דאָס וואָרקנדיקע טייבעלע נעבעך,
פון רינשטאָק צו רינשטאָק וואַקלט עס ליבלעך,
אַלץ גרינגער ווי איין שלענגעלע צו געפינען,
גאַנצע טעג אויף לאָנקע צו גראָבן גריבלעך.

דערפאַר אָבער די וואָרענע און די קראָ,
פון טויטע און פון לעבעדיקע זיי רייסן,
נישט צו זינגען זיי ברויכן, נישט צו וואָרקן,
זיי קראַקן און כראַקן נאָך אויף צופלייסן.

## די קוקאַווקע

קורטשעדיק די קעפּלעך צווישן די אַקסלען,
הויקערן זיך פון שרעק די פייגל און שווייגן,
ווען דאָס קלאָר קוילערדיקע ווידער־קול,
קלאָגט צוואהדיק ווידווידיק צווישן די צווייגן:
„קו־קו, קוקו — —“

זיצנדיק אויף די וואַרעמע אייעלעך,
קריכט קאַלטער סקרוך שוידערדיק איבערן רוקן.
חלילה אויספּיקן נאָך מיט אייגן לייב,
דעם שוואַרצן וואַלד־שד, אַ שרעק אים אָנצוקוקן.
„קו—קו, קו—קו — —“

נאָך שרעקלעכער דאָס וואַרטן דאַצווישן,
דאָס שטילע שווייגן פון איין רוף ביז צום צווייטן!



זיי באַדעקן די קעפּלעך מיט די פליגל,
וואַלד־עכאָ פינסטערט בייזן בת־קול פון ווייטן:
„קו—קו, קו—קו — —“

## צוויי פּאַפּאַגייען

קרימען קלוג זיך נעזלעך, בלאָזן זיך קאָסאָקאָ,
איינע דער אַנדערערס בליק רק אויסצומיידן,
גדלותדיק שאָקלט זיך גבירישער גוידער,
נאָר פרעגט זיי בחרם וועגן וואָס זיי ריידן.

שרייט איינע הויך „בוידעם“, ענטפערט די צווייטע „קלאָץ“,
און דווקא ליבלעך־עניוותדיק, באַשיידן;
עס איז ווי „אמרו לאלוקים — רעד צו דער וואַנט“,
אין ווייבער־שול צוויי דאַמען אין סאַמעט נ׳זיידן.

ראַפּטום אַ סומאַטאָכע, אַ ווילד געשריי,
זיי ליגן זיך אין די האָר, נישט צו צעשיידן!
אַז גאַנצע טעג „רעדט איינע צום היטעלע“,
און די צווייטע: „געלע, רעטעך טראָג איך“ — סיידן.

## דער בער און דער זשעראַף

די לייכט־פּיסלדיקע, די שלאַנק טאַליעדיקע,
די אינדיק, צום טאַנץ איינגעלאַדן ס׳האָט דער בער;
ער מיט די קורצע לאַפּעס, מיט די שווערע פיס,
און שוין טאַנצן זייביידע אַהין און אַהער.
שווער ווי ער איז אומבאַהאָלפן און פּעט־לייביק,
פירט ער זי אין וואַלץ און יידישלעך אין אַ שער.

דערזעט ער זיי דורך זיין בלאַנק־קלאָרן מאָנאָקל,
דער אויסגעפּוצטער פראַנט, דער נאַרישער זשעראַף,
ער וויל זיינע אייגענע אויגן נישט גלויבן,
אין די געשטרייפטע לאָרדישע הויזן, דער גראַף.
און מיט שטייפן האַלדז פון הויכן קאָלנער אַרויס,
מיט אָפן מויל, בלייבט ער שטיין אין מיטן געגאַף.

איין עלעגאַנטער שפּרייז מיט זיינע לאַנגע פיס,
און שוין איז ער ביי זיי מיט אַ בויג, מיט אַ נויג;
נאַריש־באָמבלדיק אויף דין־זיידן שנירעלע,
פאַלט אים דער מאָנאָקל אַרויס פונם אויג:
„אויך מיר געטאַנצט, אַ וואַלץ, אַ יידישלעכער שער!
פאַר אַ קאַזאַטשאָק, דער בער, דער תם, אפשר טויג,

אָבער פאַר אַ פריילײַן, מיט אַ ליניע, ווי דו,
און מיט פּיסעלעך אַזעלכע שלאַנקע און זיס״,
פאַרציט ער סלינעדיק די פריש ראַזירטע ליפּ —
און אײדער נאָך ער ענדיקט עלעגאַנט זײַן שמועס,
ליגט ער שוין אַן אויסגעפּרעסטער אין די הויזן,
אונטער די שטרײַפנדיקע שווערע בערן־פּיס.

זײַט דעמאָלט־אָן דרייט ער זיך אַרום, דער זשעראַף,
אַן אָפּגעלאָזענער, אין זײַן געשטרײַפטן פראַק;
אַ נאָענטער מחותן אויף פרעמדע חתונות,
פלאַמט אים רק כּסדר די אָנגעשוואָלענע באַק,
און דער בער — אַ באַרימטער, איינציק אין דער וועלט,
דער פײַערדיקער טענצער מיט אַ האָפּ־טשיק־טשאַק!

### דאָס קעניגלעך חיהשע פּאָר

וואָס קאָן זײַן פאַר אַ בעסער פּאָר, ווי דער אָדלער מיטן לייב?
נו, האָט מען זיי חתונה געמאַכט די געפּאַסטע מאַן און ווײַב,
ער אַ מלך בן מלך, אַ פּרינצעסין קעניגין זי,
ער דער שטאַרקסטער אויף דער ערד, זי אין הימל דעם העכסטן פלי;
ביי די תנאים ס׳טעלערל פון הימל צעבראָכן אין צוויי,
די ערד שיעור געשפּאָלטן דער לייב מיט זײַן „הרי־את״־געשריי.

אָבער גוט הײַנט גוט מאָרגן, געפּאַסט אַהער, געפּאַסט אַהין — —
אַז ער וויל אין דער נאָרע, וויל זי אין די וואָלקנס גאָר פלי׳ן!
וואָס צווישן זיי עס האָט זיך אָפּגעטון, פרעגט־זשע בעסער נישט,
די בייזע שלאַנג פון שאָדנפרייד, ביז הײַנטיקן טאָג נאָך צישט!
ער רײַסט די הערלעכע האָר איר, זי אים די גריווע פון קאָפּ,
זי אים מיט די גראַטשעס ביים האַלז, אין זײַנע לאַפּעס איר קראָפּ.

זײַט דעמאָלט אַ געשפּאָלטענע ביים לייב די אונטערשטע ליפּ,
די פּעדערן אַרום נאַקן ביים אָדלער אַרומגעציפּט,
און אין גרימצאָרן דער לייב, ברילנדיק האַלט ער דעם קאָפּ גאָר אַראָפּ,
עס סלינעט אים נאָך אַלץ ביטער פונם אָדלערישן קראָפּ.
זײַט דעמאָלט ווױנט דער אָדלער אויף אַ פעלזן איינער אַליין,
און ווער וואַגט נאָכקוקן דעם לייב אין זײַן נאָרע נאָכצוגיין.

### דער בער און דער פוקס

עס איז דעם קלוגן פוקס דאָך איינמאָל געלונגען —
זײַן חכמה ווי באַוווּסט איז דאָך געוואַלטיק גרויס! —
אין טרויבן־גאָרטן זיך אַרײַנצובאַקומען,
אַזוי זיך אָנגעפרעסן, נישט געקאָנט אַרויס.



דעם שטאַרקן בער ווי ער דרייט זיך אַהין אַהער,
דערזען דער פוקס האָט פון דער אַנדערער זײַט פּלויט,
האָט ער אים צוגערופן: „ברודערקע, טײַערער,
ביזט דאָך אַזאַ גוטער, ראַטעווע מיך פון טויט״.

דער בער האָט שווער די אייגעלעך אויפגעעפנט,
ברומיק אים אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ:
„כ׳זע דאָך ביזט אין דער ערד מיט דײַן גאַנצער חכמה,
מילא, מהיכי תיתי, אין מײַן עק האַלט דיך אָפּ״.

תמעוואַטער בער ווייסט פון קיין חכמות נישט מער,
מיט אַלע זײַנע כּוחות געצויגן ער האָט,
ביז אַוועקגעפאַלן אויף דער זײַט אָן זײַן עק,
און מיט צוויי עקן דער פוקס אויף יענער זײַט פּלויט.

זײַט דעמאָלט דרייט ער זיך נעבעך, דער שטאַרקער בער,
אויף דער וועלט אַרום אָן אַ סימן פון אַן עק,
און מיט צוויי וווּנדערלעך לאַנגע שווענץ, אַ טויטן,
לייגט אַ ליאַדע פרוי דעם פוקס אויף איר ברוסט אַוועק.

### דער באַטשאַן און דער אָדלער (אין זאָאָלאָגישן גאָרטן)

קינדיש אויף לאַנגען־דאַרן פוס שטייט דער באָטשאַן,
ער מיינט, ער איז אין נעסט און לערנט זיך פליען,
אָבער ווען ער לאָזט נישט פלינק אַראָפּ דעם צווייטן,
צום געלעכטער פונם גאַנצן עולם אַרום,
אויף זײַן נאַרישן דזשוב ער וואָלט זיך אויסציען.

ברייט אויסגעדרייט מיט זײַן שוואַרץ־צעגלאַנצטן רוקן,
איין בליק פון זײַן אָדלער־אויג נישט צו פאַרשענקען,
און מיט זײַן קעניגלעכן, זײַן שטאָלצן דזשוב,
לויזט ער זיך, מאַיעסטעטיש, זײַן קראַנקן פליגל,
און וועמען עס געפעלט נישט דעם זאָל עס קרענקען.

### דאָס הינטישע געוואָיע צו דער לבנה

זיי זײַנען די שומרים פון דער נאַכט,
ווי אַזוי מעגן זיי איצטער שווייגן?
סאַרפּעט זיך אויף זשאַווערדיקער קייט,
אַ וואָיען דער לבנה אַנטקייגן.

הייזעריגער האַלז, ציינער־געבלאַנק,
דאָס געזאַנג פון די הינט און די צויגן:
„דרייט זיך אַ גנב אַרום דער שטוב,
און גנבעט דעם שײַן פון די אויגן!

„נאָך גוט וואָס איינער פון אונז, אַ גבר,
אין כעס פון דער קייט זיך אָפּגעריסן,
די גנבישע אויגן איר אויסגעגראַטשט,
און אַ האַלבע נאָז מיט אָפּגעביסן.

„דעם הימל נישט נאָר מיט די פליגל,
מיט די ציינער מען קאָן אים דערגרייכן!
איינער פון אונז, אַ הונט פון דער קייט,
דערגרייכט האָט הימלישע העכסטע הייכן.

„ווען נישט צווישן די שטערן 'דער הונט',
קיין שריד ופליט נישט געבליבן
עס וואָלט דאָך פון די אוצרות מיט גאָלד,
אַ גאַנצן טאָג זון האָט אָנגעקליבן".

ערשט ווען זון שטייט אויף און הענגט אַרויס
איר צירינג אויף שפּיץ ביימער און צווייגן,
הערט אויף דאָס וואָיענדיקע געביל,
באַרואיקט זיי שלאָפן איין און שווייגן.

זיי סלינען פון זיסע חלומות,
די פליגן אין די אויערן — אַ ניגון!
יעדער פון זיי אַ הימלישער הונט,
אין הימל ר'האָט זיך אַריינגעקריגן.

---

יוסף פרענקעל

## העלענא פראַנק

צום טויט פון דער ענגלישער איבערזעצערין פון ביאַליק און פרץ

ווען ישראל אפרת האָט געזאַמלט ביאַליקס לידער, איבערגעזעצטע אויף ענגליש, פאַר זיין בוך (ביאַליקס פּאָעזיע אין ענגליש, ניו־יאָרק, 1948), האָט ער פון 58 לידער פון 18 פאַרשידענע איבערזעצער גענומען אַזש 12 איבערזעצונגען פון העלענאַ פראַנק.

מיט איניקע יאָר צוריק האָב איך געפונען אין אַ לאָנדאָנער בוכהאַנדלונג אַן אַלט בוך מיט פרצס נאָוועלן, איבערזעצטע אויף ענגליש דורך העלענאַ פראַנק. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט דעם ענגלישן לייענער מיט פרצן.

ווער איז העלענאַ פראַנק, וואָס האָט איבערזעצט דעם גרויסן העברעאישן נאַציאָנאַלן דיכטער ביאַליק און דעם מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור פרצן? פאַראַן מענטשן, וואָס זאָגן, אַז זי איז אַ קריסטין, אָבער אַנדערע ווידער מיינען, אַז זי איז אַ יידישע.

אַ יידישע פאַמיליע אין דייטשלאַנד האָט אַלס דאַנקבאַרקייט פאַר נאַפּאָ־



לעאָנען אָנגענומען דעם נאָמען „פראַנצע", וואָס איז שפּעטער געענדערט געוואָרן אויף „פראַנק". אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז אַ געוויסער מאיר פראַנק געקומען פון זאַלצוועדל (דייטשלאַנד) קיין מאַנטשעסטער. דאָ האָט ער זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. זיין זון, ד"ר אַדאָלף פראַנק, האָט חתונה געהאַט מיט דער שוועסטער פון דיוק אָף וועסטמינסטער און דעם פּאָרל איז געבוירן געוואָרן דעם 31־טן יולי 1872 אַ טאָכטער, העלענאַ, וועלכע איז נאַטירלעך דערצויגן געוואָרן אַלס קריסטין.

ווען העלענאַ איז אַלט געוואָרן 20 יאָר, האָט זי זיך דערוווסט, אַז איר זיידע איז געווען אַ ייד און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט יידן און יידישקייט. זי האָט זיך פאַרטיפט אין דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור, האָט געלערנט העברעאיש און האָט אַנטייל גענומען אין דער באַוועגונג פון חובבי ציון. זי איז געווען זער פעאיק צו שפראַכן. זי האָט געקענט אין וואָרט און שריפט רוסיש, שפּאַניש, דייטש, איטאַליעניש און פראַנצויזיש. איצט האָט זי געמאַכט גרויסע פאָרטשריט אין העברעאיש. איר לערערין איז געווען אַ געוויסע הילדע מאַנוויל. איינמאָל האָט מאַנוויל געקויפט אין ווייטשעפּל „היימישע קוכנס", איינגעפּאַקט אין אַ יידישער צייטונג. זי האָט דאָס פּעקל געשיקט אַלס מתנה צו איר שילערין העלענאַ, וועלכע איז געווען אין פראַנקרייך. דורך דער דאָזיקער יידישער צייטונג האָט זיך העלענאַ דערוווסט, אַז עס עקזיסטירט אַ יידישע שפּראַך. זי האָט זיך געפילט אַלס יידישע און האָט געוואָלט קענען אַלץ, וואָס איז יידיש. זי האָט אויך באַלד באַקומען אַ יידישן לערער, אפרים ריגער, מיט וועלכן זי האָט געפירט יידישע קאָנווערסאַציעס. אין אַ קורצער צייט האָט זי זיך אויסגעלערנט יידיש און העברעאיש, האָט געלייענט ביכער איןביידע שפּראַכן און האָט אָנגעהויבן איבערזעצן די לידער פון מרדכי ספּעקטאָר.

די דאָזיקע איבערזעצונגען האָט פּראָפעסאָר ישראל אברהאמס פאָרעפנטלעכט אין זיין „דזשואיש קוואָרטערלי". פון דער צייט אָן פלעגן אָפּט דערשיינען אירע איבערזעצונגען פון יידיש און העברעאיש, צווישן אַנדערע אויך פון ביאַליקן און טשערניכאָווסקין. אַ באַזונדערס גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט איר בוך „יידישע געשיכטן" (פילאַדעלפיאַ, 1912). זי האָט דאָ דעם ענגלישן פּובליקום פאָרגעשטעלט די דיכטער און שרייבער שלום עליכם, יהודה שטיינבערג, דוד פרישמאַן, בערדיטשעווסקי, פּינסקי, בערשאַצסקי, אברהם רייזען, שלום אַש און אַנדערע.

ווייניקער באַקאַנט איז איר בוך „טראַנסליישאָנס אין ווערס" (לאָנדאָן, 1911). מיר געפינען דאָ אַ פיינעם אויסוואַל פון לידער פון רוסיש (לערמאָנטאָוו, פּושקין), איטאַליעניש, דייטש, פראַנצויזיש, שפּאַניש און אויך יידיש (פרץ און ראָזענפעלד).

העלענאַ פראַנק איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ" אָנצושרייבן אַן אַרבעט וועגן דער יידישער ליטעראַטור און זי

האָט זיך דערוואָרבן אַנערקענונג ביים פּראָפעסאָר לעאָ ווינער, דעם פאַרפאַסער פון דעם ווערק „יידישע ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט“. אויב פּראָפ. ווינער האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון ענגלישע לייענער אויף דער יידישער ליטעראַטור, האָט העלענאַ פראַנק געגעבן די פּראָבן גופא — דעם ווירקלעכן מאַטעריאַל.

איר ליבע און באַגייסטערונג פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע און פאַר עברית האָבן זי אָפּט געפירט קיין ארץ־ישראל, ווו זי האָט זיך באַקענט מיט ביאַליקן און געפירט מיט אים געשפּרעכן אין העברעאיש. אין לאָנדאָן ווידער האָט זי איינמאָל באַזוכט פרץ׳ס זון און זי האָט מיט אים געשמועסט אין יידיש.

די באַשיידענע, רואיקע פראַנק האָט אין איר אַרבעט נישט געהאַט קיין איבעררייס. אפילו אין איר 79־טן יאָר, אין 1951, האָט זי איבערזעצט דאָס יידישע בוך „די אומפאַרגעסלעכע“ פון הערמאַן און סוזאַן טויבע. גלייכצייטיק איז זי געווען באַשעפטיקט מיט די לידער פון יונגען העברעאישן דיכטער חיים גורי.

די 82־יעריקע פראַנק, שלאַנק, ווי אַ פּאַלמע, מיט אַ גרויען קאָפּ האָר און העל־בלויע אויגן, האָט מיט אומדערמידלעכן אינטערעס נאָכגעפאָלגט די ענטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. ווען יידיש איז געבליבן — יידיש, האָט אָבער העברעאיש ראַשיק זיך ענטוויקלט אין אַזאַ טעמפּאָ, אַז דער אַלטער העלענאַ פראַנק איז שווער געווען צו האַלטן שריט נאָך שריט; ביאַליק איז געווען לייכטער פון חיים גורי.

דעם 17־טן פעברואַר 1954 האָט מיר העלענאַ פראַנק געשריבן:

„...וואָס נוגע מיין באַשיידענער ליטעראַרישער אַרבעט, ענדיק איך איצט צוויי ביכער פון רבי נחמן מבראַצלאַוו... און אויב אפילו איך וועל שטאַרבן צו 82 יאָר, מאַכט עס מיר נישט אויס... איך בין צופרידן, וואָס איך האָב פאַרענדיקט די אַרבעט פון רבי נחמן...“

אויף צומאָרגנס איז העלענאַ פראַנק אויף אייביק פאַרשוויגן געוואָרן.

איבער 50 יאָר האָט זי געהאָלפן צו בויען אַ בריק פון פאַרשטענדיקונג, כדי די העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן זאָלן געפינען אַ וועג צו די הערצער פון די ענגלישע לייענער.

„ווער עס לייענט די ליטעראַטור פון זיין פאָלק אין איבערזעצונג“, האָט ישראל אפרת ציטירט דעם פאַרשטאָרבענעם ביאַליק, „דער איז ענלעך צו אַ מענטשן, וואָס קושט דאָס געזיכט פון זיין מוטער דורך אַ שלייער“.

דער זיידענער שלייער, וועלכן העלענאַ פראַנק האָט געוועבט, איז געווען דין און כמעט אומזיכטבאַר און ווען מען קושט דאָס געזיכט פון דער מוטער־ליטעראַטור, פילט מען קוים דעם שלייער.



# פונם יידישן ישוב אין פראַנקרייך

פאַריזער צייטשריפט — פעריאָדישע אויסגאַבע פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטור־פּראָבלעמען — נומער 5 1954

די „פאַריזער צייטשריפט“ שטעלט מיט זיך פאָר אַ וואָגיק זאַמל־בוך מיט אַ זער רייכן און גוט רעדאַגירטן אינהאַלט. ס׳זענען דאָרט פאַרעפנטלעכט ווערטפולע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אינם קאַמף קעגן פאַשיזם, וועגן דער פאַרטיזאַנער באַוועגונג אין פראַנקרייך, און וועגן דער אַנטשטייאונג פון דעם איינהייטלעכן יידישן נאַציאָנאַלן פראָנט אין פוילן, אין די שרעקלעכע יאָרן פון דעם טראַגישן און העלדישן ווידערשטאַנד און אומקום.

אין שייכות מיטן מצב פונם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פראַנקרייך שרייבט דער פאַרדינסטפולער קולטור טוער דר. חיים סלאַוועס, וועלכער איז דער פּראָפעסער פון פּרעמירטע דראַמעס. דר. סלאַוועס, וועלכער איז דער לעבעדיקסטער נערוו פון דעם פאַראייניקטן, גוט אָרגאַניזירטן, פּראָגרעסיוון יידישן לאַגער אין פראַנקרייך, איז אָבער ווייט פון צו זיין אָפּטימיסטיש אין זיין אָפּהאַנדלונג „אויפן ריכטיקן וועג“, מיט וועלכער דאָס זאַמל־בוך הויבט זיך אָן. אין דעם סך־הכל וואָס ער פירט אונטער אין זיין אַרטיקל, לויט די באַריכטן פון דער יידישער קולטור־קאָנפערענץ פון 31־טן יאַנואַר 1954, זאָגט דר. סלאַוועס: „עס וואָלט אפשר געווען פאַלש צו באַהויפּטן, אַז די טראַדיציע פון אָרגאַנישער נאָענטקייט צו מאָדערנער יידישער קולטור, איז היינט־צו־טאָג ביים יידישן אַרבעטער אין פראַנקרייך פונקט אַזוי לעבעדיק און שאַפעריש, ווי זי איז געווען למשל מיט עטלעכע יאָרצענדליק צוריק“.

דער דירעקטאָר פונם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן, דער גוט באַקאַנטער שריפטשטעלער ב. מאַרק, ברענגט אַ וויכטיקע, אויספירלעכע, גרעסערע אָפּהאַנדלונג „נייע דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ“, וואָס איז אַ מין דערגענצונגס־אַרבעט צו דעם בוך וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן: „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ“ מיט אַ פאָרוואָרט און באַמערקונגען פון ב. מאַרק, פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1953.

אין דער דאָזיקער גרינטלעכער אַרבעט ווערט אָנגעוויזן אויף אַ ריי זער וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס וואַרפן אַ נייע ליכט אויף דעם ווידערשטאַנדס־קאַמף פון די יידן. ב. מאַרק ווייזט אָן, אַז כאָטש ס׳זענען שוין באַקאַנט די פילע מאַטעריאַלן, וואָס קומען פון די קאַנצליי־אַקטן פון דעם היטלערישן קאָמיסאַר איבערן וואַרשעווער געטאָ, היינץ אויערסוואַלד, האָט ער אָבער געפונען אַ סך נייע פאַקטן אין יענע מאַטעריאַלן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר „וועכנטלעכע באַריכטן פון דער יידישער אָרדנונגס־דינסט פון וואַרשעווער געטאָ“, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן צו דעם קאָמיסאַר און צו דער פוילישער פּאָליציי.

ב. מאַרק ווייזט אויך אָן אויף דער וויכטיקייט פון אַ נייעם בריוו וואָס דר. בערמאַן האָט פאַרעפנטלעכט. דער בריוו איז פון דעם העראָאישן קעמפער אינם אויפשטאַנד פונם וואַרשעווער געטאָ, דער פירער פונם „השומר הצעיר“, מרדכי

אַניעלעוויטש.

ב. מאַרק׳ס אַרבעט איז געהאַלטן אין אַ פאָלקסטימלעכן סטיל, וועלכער איז דעם לייענער זער צום האַרצן.

אַ קאַפּיטל זכרונות „צו דער פאָרגעשיכטע פונם געטאָ אויפשטאַנד“ פון דר. א. בערמאַן, דעפּוטאַט פון דער „שמאל“ פאַרטיי אין כנסת, שילדערט ווי אַזוי ס׳איז באַלד נאָכן היטלעריסטישן איבערפאַל אויף פּוילן צושטאַנד געקומען די אייניקייט פונם ייִדישן נאַציאָנאַלן פראָנט צו קעמפן קעגן פאַשיזם. דאָס קאַפּיטל אַנטהאַלט אַ סך אויטענטישע איינצלהייטן, און אַ סך וויכטיקע היסטאָרישע דאַטעס.

„דער געטאָ אויפשטאַנד און די רעזיסטענץ אין פראַנקרייך“ איז אַ גרינטלעכע אַרבעט פון ד. דיאַמאַנט. ס׳ווערט דאָרט אָנגעוויזן אויף דעם קאַמף און אויף דער רעזיסטענץ פון די ייִדישע פּראָגרעסיווע כוחות און פּאַרטיזאַנער אין פראַנקרייך, און ווי אַזוי דער וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט אויף זיי געווירקט און זיי אינספּירירט . . .

אַ זער אָנגעזעען אָרט פאַרנעמט אין דעם בוך דער בעלעטריסטישער טייל. פאַראַן אַ קינסטלערישע שילדערונג (פון מיינע מלחמה־וואַנדערונגען 1939) פון דעם מייסטער פון דער קורצער דערציילונג, אפרים קאַגאַנאָווסקי (מ׳פלאַנט שוין אַ ביסל צו לאַנג ביי אונז אין לאָנדאָן אַ באַזוך פון קאַגאַנאָווסקין). דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אייגנטלעך נישט קיין דערציילונג, ס׳איז אַן עפּיזאָד, וואָס טראָגט אין זיך די שרעק וועלכע קאַגאַנאָווסקי ברענגט צום אויסדרוק אין אַ קינסטלערישער אַטמאָספערע אין דער צייט פון פאַרן חורבן. דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט פון שרעק פאַרן טויט און דער איבערגאַנג צו פריידֿ, איז זער גוט געשילדערט. די אייגנשאַפטן פון קאַגאַנאָווסקי׳ס טאַלאַנט זענען טיפע אָבסערוואַציעס, פיין באַלאַנסירטע, טיפע פּסיכאָלאָגישע בעאָבאַכטונגען, ביי־סיקער הומאָר, וואָס קריכט אין די ביינער און אין דער נשמה.

אַ צווייטע גוטע בעלעטריסטישע אַרבעט, אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן, מיטן טיטל „דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס“, האָט געשריבן דער גוט באַקאַנטער נאָוועליסט ב. שלעווין. די האַנדלונג קומט פאָר אין יאָר ניינצן הונדערט און צוואַנציק בשעת דעם קאַמף פון דער רויטער אַרמיי מיט די פּאָליאַקן. שלעווין גראָבט אויס די פּסיכאָלאָגיע פון ייִדן און ניט־ייִדן, וואָס פאַלן אָפּ אַרום דעם הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס. מיט שאַרף רעאַליסטישע מיטלען שילדערט ער זיינע מענטשן און די סביבה. זיין קינסטלעריש אויג לויפּט שנעל און די צייכנונגען און פאַרצייכנונגען קומען אַרויס זער פּלאַסטיש.

אין דער „פּאַריזער צייטשריפט“ איז אויך פאַראַן אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן, וואָס ווערט אָנגערופן „דער מאַן אויפן בית־עולם“, איבערזעצט פון פראַנצויזיש. דער מחבר איז דער גוט באַקאַנטער שרייבער פּיער גאַסקאַר. ער איז געווען אַ קריגס־געפאַנגענער ביי די דייטשן. זיין אַרבעט איז צוגעטיילט אויף אַ בית־עולם. דאָרט באַהאַלט זיך אויס אין אַ קבר דער ייִד לייבאָוויטש. די קאָמוניקאַציע מיט דעם דאָזיקן לעבעדיקן מת איז געשילדערט מיט שטאַרקער שריי־



בערישער קראַפט. ס׳איז אַן אויסערגעוויינלעכע שילדערונג.

דער פּראָזע טייל אין דער דאָזיקער זאַמלונג שליסט אויך איין אַ פראַגמענט פון אַ היסטאָרישער דערציילונג: „אַ באַגעגעניש“ פון לעאָ קאַץ (ווין). דער טאָן פון דער דערציילונג איז אַ זער רואיקער און עלעגאַנטער. אין דער ווירקנדיקער שילדערונג ווערט געבראַכט צום אויסדרוק ווי אַזוי דון יצחק אברבנאל, וועלכער געפינט זיך מיט דון אברהם סענאר אונטערוועגס אין אַן אכסניה, זאָגט זיך שטאָלץ אָפּ צו מאַכן פּלאַץ פאַר דעם גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאָ, וועלכער קומט אויך פּלוצלינג צופאָרן. טאָרקוועמאַדאָ מיידט אויס. ער פאָרט זיך זוכן אַן אַנדערע אכסניה . . .

די דיכטונג איז אין דער אויסגאַבע פאַרטראָטן דורך דער גוט באַקאַנטער דיכטערין דאָראַ טייטלבוים, י. מאר און אברהם בערן, און אַ קליין לידל פון טאַניע זיסמאַן. די דיכטונג איז נישט אין דער פּראָפּאָרץ צו דער פּראָזע.

צו דעם פּראָזע טייל געהער נאָך אַ גוטע שילדערונג פונם ייִדישן לעבן אין פּאַריז פון דעם יונג אומגעקומענעם שרייבער יאָסל צוקער. אין דער אויסגאַבע זענען אויך דאָ די שריפטן פון י. ספּערא, מ. ליטווין, י. וואַגמאַן, מ. גאָלדין און י. מעסטל. ליטווין און וואַגמאַן באַהאַנדלען די אייגנאַרטיקע קוואַליטעטן פון דעם דיכטער אלחנן וואגלער. יעקב מעסטל, דער וועטעראַן פונם ייִדישן טעאַטער, פירט דורך אין זיין אָפּהאַנדלונג: „צוויי רעפאָרמאַטאָרן פון טעאַטער“ אַ פּאַראַלעל צווישן דעם דראַמאַטורג יעקב גאָרדין און דעם אַמעריקאַנער דראַמאַטורג יודזשין אָ׳ניל. די סטודיע איז געשריבן מיט אַ סך קענטעניש, ציפערן און דאַטעס. י. ספּערא׳ס עסיי „עמאַנועל קאַנט“ איז אַ געלונגענער פּרווו דעם פילאָזאָף קאַנט אַרויסצופירן פון זיין אייגענעם פילאָזאָפישן רינג וועלכן ער, קאַנט, האָט צוגעשלאָסן און אויפגעשלאָסן אַרום און אין זיך. אַרום דעם דאָזיקן רינג, האַלט ספּערא, דרייען זיך נאָך אַלץ אַלע רעאַקציאָנערע דענקער, רעשטלעך פון אַ פאַרגייענדיקער עפּאָכע. ספּערא׳ס באַהאַוונטקייט אינם פילאָזאָפישן דענקן מאַכט די סטודיע לייכט און צוגענגלעך צום לייענער. וועגן נח גריס מעמואַרן שרייבט מ. גאָלדין: „אַ בוך פון פריינטשאַפט“, די זכרונות זענען וועגן די ייִדישע פּליטים אין ראַטן־פאַרבאַנד בעת די מלחמה־יאָרן. מ. באַהעלפער האָט מיט גוטן געשמאַק געמאַכט די הילע פאַר דער דאָזיקער זאַמלונג.

י. א. ליסקי.

אַבאָנירט זיך אויף דער

„פּאַריזער צייטשריפט“

פּעריאָדישער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטור פּראָבלעמען.

דערשיינט 4 מאָל אַ יאָר אין פּאַריז (דערשינען 5 נומערן)

אַבאָנאַמענט פּרייז: 1 פונט יערלעך.

ווענדעט זיך צו אונזער פאָרטרעטער אין ענגלאַנד:

M. Beckerman, 10 Ennismore Avenue,

London, W.4. 'Phone: CHI. 4660.

## ס. עלשטיין

# לאַנדסמאַנשאַפטן

(אַן איבערבליק פון דער אַנטשטייאונג פונם סקערניעוויצער־ און ראַוווער־פאַריין)

דער געדאַנק צו גרינדן דעם סקערניעוויצער לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין, איז ענטשטאַנען אין דעם ביטערסטן מלחמה יאָר פון 1915, ווען די מענטשהייט האָט געשריבן דאָס גרויזאַמסטע קאַפּיטל פון איר געשיכטע. חוץ שרעק, ליידן און פּיין, האָבן אַממיינסטנס די יידן פון די שטעט און שטעטלעך געליטן אין די מוראדיקע מלחמה יאָרן פון כל׳ערליי אַנשיקענישן.

די לאַנדסלייט פונם שטעטל סקערניעוויץ, וועלכע זיינען מיט איניקע יאָר פאַרן קריג געקומען קיין ענגלאַנד, האָבן באַלד ווי די ערשטע קלאַנגען זיינען אָנגעקומען וועגן דעם שווערן לעבן, וואָס זייערע נאָענטע קומט אויס צו פירן, אונטער די טרויעריק געשאַפענע אומשטענדן, זיך גרופּירט אַרום דעם דאָזיקן פאַראיין, מיט דעם ציל פון צוגרייטן הילף פאַר די דאָרטיקע ייִדן, וועלכע זיינען אין געפאַר פון הונגער און נויט.

אָט דער צושטאַנד פון זייער היימלאַנד האָט געשאַפן אַ באַזע פאַר אַ גרויסע טעטיקייט. הגם דער אָפּרוף איז געווען אַ דערפאָלגרייכער, אָבער, צום באַדויערן נישט אויף לאַנג.

מיט דעם אויסברוך פון דער רוסישע רעוואָלוציע אין 1917 איז געקומען אַ שטערונג אין דער אַרבעט, מחמת דעם, וואָס קערענסקיס רעגירונג האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע האָט געגעבן די ברירה צו די מיליטער פעאיקע „עליענס“ צו דינען אין דער ענגלישער אַרמיי, אָדער אין דער רוסישער. די געשאַפענע סיטואַציע האָט ביי פילע יוגנטלעכע געוועקט דעם חשק צו פאָרן קיין רוסלאַנד. אַ סך לאַנדסלייט זיינען דעמאָלט אַוועקגעפאָרן. די אויסערגעוויינלעכע לאַגע האָט גורם געווען, אַז דער פאַראיין האָט ממש אויפגעהערט צו פונקציאָנירן.

ערשט אין אויגוסט 1921, ווען פריינט ליפּמאַן לענטשנער, וועלכער איז געווען אין סקערניעוויץ אויף אַ באַזוך, קומענדיק קיין לאָנדאָן אויף זיין רייזע צוריק קיין אַמעריקע, האָט איבערגעגעבן די זייער טרויעריקע בשורה, פון דעם שווערן מצב אין וועלכן די יידן פון דער שטאָט געפינען זיך, אונטערשטרייכנדיק, אַז אַ באַלדיקע הילף פאַר אַ צאָל יתומים איז פון דרינגענדע נויטווענדיקייט. דער שוידערלעכער באַריכט, האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף די לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך אַנטשלאָסן צו טון אַלץ בכדי מיט עפּעס צו לינדערן די נויטבאַדערפטיקע. דער מיטליידס געפיל לגבי זייערע נאָנטסטע, האָט אַרויסגערופן אַ באַנייטע טעטיקייט, און תיכף זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פערזאָנען אינם שטעטל, וועלכע זיינען געשטאַנען בראש פון דער קהילה. אויף אונזער פאַרלאַנג האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט מיטן צוועק פונאַנדערצוטיילן יושרדיק די געשיקטע שטיצע.

אונזער ערשטע הילף וואָס מיר האָבן געשיקט, איז געווען פאַר די יתומים,



נאָכפאָלגנדיק מיט כסדרדיקע מאַטעריעלע מיטלען פאַר די יידישע פאַמיליעס, וועלכע נויטיקן זיך אַממיינסטנס אין דעם.

אין יאָר 1930 האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן צו שיקן אַ רעגלמעסיקע ביישטייערונג פאַרן „לינת־הצדק“, אַן אינסטיטוציע וואָס האָט זיך געגרינדעט צום נוצן פאַר די שטאָטישע יידן אין סקערניעוויץ.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט דער פאָרזיצער פונם ראוווער פאַראיין, שלמה לעמעל, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט אויך געווען אַ מיטגליד אינם סקערניעוויצער קאָמיטעט, פאָרגעשלאָגן צו פאַראייניקן די צוויי שכנותדיקע שטעטלעך אונטער איין פאַראיין, אַנערקענענדיק, אַז די קערפּערשאַפט עקזיסטירט פון דער זעלבער צייט אָן ווי זייער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע האָט די זעלבע אויפגאַבן און צילן. אגב האָבן די לאַנדסלייט פון די צוויי שטעטלעך אַלעמאָל געהאַט געמיינזאַמעס צווישן זיך. די פאַראייניקונג איז מיט אַ באַנקעט פאָרגעקומען אינם חודש יוני, 1932 ביי דעם פריינט איטשע פאָלמאַן אין האָטעל. פון יענע דאַטום אָן איז דער נאָמען סקערניעוויצער־ און ראוווער הילפס־פאַראיין.

די פאַראייניקונג פון די צוויי קערפּערשאַפטן, האָט געשאַפן אַ ברייטערע באַוועגונג מיט גרעסערע כוחות, וועלכע האָבן דעם פאַראיין אַוועקגעשטעלט אויף אַ פעסטערן יסוד. ס׳איז גלייך פאָרמירט געוואָרן אַ יוגנט סעקציע פון די לאַנדסלייט קינדער. אַ דאַנק זייער אומדערמידלעכע טעטיקייט, איז מעגלעך געווען צו שיקן גרעסערע סומעס געלט פאַר די צוויי שטעטלעך, וואָס איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די אָרימסטע יידישע פאַמיליעס; ווינטער — אויף קוילן, פסח — אויף מצות. באַזונדערס איז געשיקט געוואָרן מאַטעריעלע שטיצע צום לינת־הצדק און פאַר דער גמילת חסד קאַסע.

חוץ די אָנגעוויזענע אַקטיוויטעטן האָבן מיר אויך נישט פאַרזען צו העלפן די לאַנדסלייט דאָ אויפ׳ן אָרט, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין הילף.

די אַרבייט איז פאָרגעזעצט געוואָרן ענערגיש און מיט ליבשאַפט, ס׳איז געטאָן געוואָרן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען פאַר די צוויי קליינע ישובים ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען אונזער טעטיקייט האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

די טרויעריקע ידיעות וועגן דעם חורבן און די שרעקלעכע פאַרניכטונגען פון גאַנצע שטעט און שטעטלעך צוזאַם מיט דער גאַנצער יידישע באַפעלקערונג, סקערניעוויץ און ראווע בתכם, האָט זייער שטאַרק געטראָפן די לאַנדסלייט. באַלד ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם קליינעם רעשטל יידן, פון די צוויי שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט פון די היטלער רוצחים. אָבער, נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, וועלכע ס׳האָבן עקזיסטירט לגבי אַרויסצושיקן זאַכן און אַנדערע מיטלען, האָבן מיר אויפסניי אָנגעהויבן שיקן הילף, וואָס איז באַשטאַנען פון מעדיצינישע מכשירים, קיין סקערניעוויץ, לאָדזש, שפּייז פּעקלעך פאַר די צוויי שטעטלעך, ווי אויך צו לאַנדסלייט אין די לאַגערן פון

דייטשלאַנד. מיר האָבן אויך געשיקט מאַטעריעלע הילף צום ראַווער קאָמיטעט אין פּאַריז פאַר לאַנדסלייט, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון דעפּאָרטאַציע און פאַר די ראַווער יתומים.

אונזערע באַציאונגען מיט די רעשטלעך יידן, האָט אָנגעהאַלטן ביז זיי האָבן אין גאַנצן פאַרלאָזט די אָנגעמערקטע שטעטלעך. נאָך דער שווערער און קאָלאָסאַלער אַרבעט, האָט דער פאַראיין געפלאַנצט 100 ביימער אין „יער־יזכור" אויף די נעמען פון אונזערע אומגעקומענע קדושים.

אין 1950 איז געפייערט געוואָרן דער יובילעאום פון 35 יאָר טעטיקייט, זינט די גרינדונג פונם פאַראיין. ס׳איז באמת געווען אַ שיינער יום־טוב. אויף דער פייערונג איז מיט פול ווירדע און באַגייסטערונג אָנגעוויזן געוואָרן דעם גרויסן און וויכטיקן נוצן, וואָס דער פאַראיין האָט געטון אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ, וואָס וועט בלי ספק פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געשיכטע פון די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע טעטיקייט.

---

משה בעקערמאַן*

## די ארבייט פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט

דעם 21־טן יוני האָט דער ניי־דערוועלטער קאָמיטעט פון „ייוואָ" אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן זיצונג אונטער דעם פאָרזיץ פון ערן־פּרעזידענט ד"ר שטיינבערג.

די זיצונג האָט זיך הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיטן איינטיילן די פאַרצווייגטע אַרבייט צווישן די באַזונדערע קאָמיסיעס. פאַר דעם צוועק זיינען דערוועלט געוואָרן פינף קאָמיסיעס:

(1) אַ זאַמל־בוך קאָמיסיע; (2) אַן אויסשטעלונג־ קאָמיסיע; (3) אַ פינאַנץ קאָמיסיע; (4) אַ קולטור־וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע און אַ פּובליצירונג סעקרעטאַר.

ד"ר שטיינבערג דערקלערט פאַר די פאַרזאַמלטע דעם היסטאָרישן כאַראַקטער פונם זאַמל־בוך וועלכער איז אין די הענט פון אַ רעדאַקציאָנס־קאָלעגיום און וועט — מיט פינאַנציעלע הילף פון אַמעריקאַנער „ייוואָ" — דערשיינען אין דער נאָנטער צוקונפט.

די אויסשטעלונג קאָמיסיע גרייט זיך צו אַראַנזשירן אַ גראַנדיעזע אויסשטעלונג פון יידישן וואָרט, סיי אין דרק זאַכן און סיי אין שריפטלעכע דאָקומענטן וואָס האָבן אַ שייכות צום אַלגעמיינעם יידישן לעבן.

## דער יידישער וועלט־קאָנגרעס ביי איר טעטיקייט

די קולטור סעקציע פונם יידישן וועלט קאָנגרעס האָט לעצטנס אָרגאַניזירט אַ ריי סעמינאַרן איבער פאַרשיידענע יידישע פּראָבלעמען.

* צווייַ באַריכטן פון דאָמינירנדיקן פאַרטרעטן פון „פריינט פון יידיש לשון" ביי די צוויי אָרגאַניזאַציעס.



איינער פון די סעמינאַרן איז געהאַלטן געוואָרן אין וועסטקליף, זונטאָג, דעם 4־טן יולי.

די פאַרמיטאָג סעסיע איז געהאַלטן געוואָרן אונטער דעם פאָרזיץ פון רבי שעבסאָן און איז אַדרעסירט געוואָרן פון יאַנוס כהן פון דער הענדאָן ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די טעמע איז געווען: „דער איינפלוס פון ישראל אויף די גלות יידן".

דער רעדנער דערקלערט דאָס יידן זיינען שוין געווען אין גלות מיט אַ דריי טויזנט יאָר צוריק.

אין דער צייט ווען אונזער פאָלק האָט געהאַט אַן אייגן לאַנד מיט אַ דריי מיליאָן נפשות, זיינען נאָך פינף מיליאָן יידן געווען צעשפּרייט איבער אַנדערע לענדער. און אָט די גלות יידן האָבן געשעפּט זייער גייסטיקע נאַרונג פון דעם צענטר — ישראל.

אויב די יידן אין ישראל וועלן זיך דערווייטערן פון זייער רעליגיאָן, זאָגט דער רעדנער, וועלן זיי זיך געפינען אין גלות אין ישראל גופא.

— מיר דאָ — זאָגט ווייטער דער רעדנער — האָבן אַ רעכט צו פאָדערן פון ישראל אַ גייסטיקן איינפלוס וועלכער וועט זיך אויטאָמאַטיש אָפּשפּיגלען אין אונזער איינפלוס אויף ישראל.

דער רעדנער איז מיט דער מיינונג אַז דער גלות וועט נאָך עקזיסטירן אַ דריי הונדערט יאָר.

יידן אויסער ישראל זיינען, לויט׳ן רעדנערס מיינונג, „נאַציאָנאַל" ענגליס; „נאַציאָנאַל" פראַנצויזיש א.ז.וו. א.ז.וו.

דער רעדנער האָט, גלויב איך, דערשטוינט די פאַרזאַמלונג מיט אַן ערקלערונג אַז די דייטשן אַנערקענען נעבאַך זייער גרויזאַמע שולד קעגן יידנטום און קלאַפּן זיך חטתי אין דער פאָרם פון „רעפּעראַציעס".

* * *

די נאָכמיטאָג סעסיע איז געהאַלטן געוואָרן אונטער דעם פאָרזיץ פון רעוו. דזשיימס פאַרקס.

דוד ריוולין האָט אַדרעסירט די פאַרזאַמלונג איבער דער טעמע: „די פאַרשווינדונג פון דעם גלות־יידנטום".

דער רעדנער דערקלערט קאַטעגאָריש אַז „יידן האָבן נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן אויסער ישראל" (וואָס דער רעדנער האָט אין זינען צו טאָן מיט די מיליאָנען יידן איבער דער גאָרער וועלט, ווייס איך נישט און איך צווייפל זייער אויב דער רעדנער האָט דימינדסטע אַנונג). ער דערקלערט ווייטער: דער עקזיסטענץ פון גלות האָט נישט נאָר אַ שלעכטע ווירקונג אויף אונזער פאָלק, נאָר אויך אויף אַלע אַנדערע פעלקער.

„אונזער גאָט איז אַ נאַציאָנאַלער. דער גאָט פון אַנדערע פעלקער איז אַ אוניווערסאַלער".

דעם רעדנערס גאַנצע שטעלונג צום יידנטום אויסער ישראל, איז, לויט מיין מיינונג, געווען אַן אָנגרייפנדע און ער וואָלט געדאַנקט גאָט ווען זיי ווערן

פאַרשווונדן איבער נאַכט.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן צי דאָס איז טאַקע די אָפיציעלע ציוניסטישע שטעלונג צו דע רפראַגע.

ד״ר מאיבאום האָט גערעדט איבער דער טעמע: „דאָס גלות יידנטום לעבט״. ער עפנט זיין אַדרעס מיט באַשולדיקן דעם פאַריקן רעדנער אין חלול השם. לויט זיין מיינונג זיינען די ציוניסטן אַ שלעכטער איינפלוס אויפן יידישן פאָלק.

דער רעדנער איז מיט דער מיינונג אַז אין אַלע הינזיכטן לעבן די יידן אויסער ישראל פרייער און בעסער.

ער דענקט אַז אידעאַליסטן זיינען די גרעסטע שטערונג צו אינדיווידואַליזם. היטלער ל.ב.ש. — זאָגט ער — איז אין אַ געוויסן זינען געווען אַן אידעאַליסט.

איך בין געקומען צום באַשלוס אַז פונקט אַזוי ווי דוד ריוולין האָפט אויף דער פלוצלינגער פאַרשווינדונג פון גלות יידנטום אַזוי האָפט ד״ר מאיבאום אויף דער פלוצלינגער פאַרש״ינדונג פון ציוניזם.

דער רעדנער וואָרנט די פאַרזאַמעלטע בכלל און דוד ריוולין בפרט, דאָס ביז משיח וועט נישט קומען, וועלן נישט נאָר די יידן אין חוץ לארץ, נאָר אויך די יידן אין ישראל בלייבן אין גלות.

אייגענטלעך איז די נאָכמיטאָג סעסיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכט־פעלד צווישן אַ ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע אידעאָלאָגיע און דער פאָרזיצענדער האָט זיך נעבאַך געפונען אין אַ „דילעמא״ צו אָריענטירן זיך צווישן די צוויי עקסטרימע עלעמענטן.

ער האָט אָבער אויף אַ גאַנץ טאַקטישן אופן באַוויזן צו דערקלערן אַ וואַפנשטילשטאַנד מיט דער מעלדונג אַז ס׳איז שוין צייט פאַר אַ גלעזל טיי.

## מר. באַרנעט באנקס

דינסטיק, דעם 27־טן יולי, איז אין אַ לידזער האָספיטאַל געשטאָרבן נאָך אַ שווערער לאַנגער קראַנקייט מר. באַרנעט באנקס, אין עלטער פון 66 יאָר. מר. באנקס איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אַרבעט, און פאַר קנאַפע 50 יאָר שטענדיק געווען גרייט מיטצו־העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך יעדע אונטערנעמונג פאַר קולטור אַרבעט.

אין נאָמען פון די פריינט פון יידישער קולטור אין לידז דריק איך אויס מיטגעפיל צו דער אלמנה מערי און די קינדער, און זאָלן זיי מער קיין צער נישט האָבן.
יעקב טיילאָר.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטעלמענט, בערנער סטריט, א.1. — 3 אַזייגער.

שבת, דעם 21־טן אויגוסט, י. א. ליסקי: די ירידה פון אונזער עפּאָכע.

שבת, דעם 28־טן, י. ביעטש: די ענטשטייאונג פון „בן אורי״ און איר גרינדער ל. בערסאָן ע״ה.



---

## פריינט פון יידיש לשון

**דינסטיק, דעם 14-טן סעפטעמבער, 7.30**

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

**דער סקאַרבאָווער ימים נוראים ניגון**

מיט דער באַטייליקונג פון באַקאַנטע זינגער.

קומט אין מאַסן און שטיצט אונזער אַרבעט וואָס מיר פירן אָן אויף דער יידישער גאַס
איינטריט 1/6.

---

סוף־חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1.

**זונטאג**, דעם 26־טן **סעפּטעמבער**, 8 אַזייגער

**דעם אנדענקן פון ל. בערסאן, דער גרינדער פון בן אורי**

עס וועט רעדן: י. ביעטש

פאָריזץ: א. נ. שטענצל.

---

**משה דאָמב** גרייט צו צום דרוק צוויי ביכער דערציילונגען א. נ.: „צעבראָכענע מענטשן״, עסייען „וועגן יעדן און אַלעמען״.

---

**קומט צו די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס און האַלט אויף** דעם יידישן ווינקל, וואָס איז נאָך געבליבן אויף דער יידישער גאַס.

---

**לייענט „די יידישע שטימע״,** די איינציקע אומפּאַרטייאישע יידישע וואָכנצייטונג אין לאָנדאָן.

---

## וואקאציעס!

שבת, דעם 7־טן אויגוסט, „שבת־חזון״ און שבת דעם 14־טן, „שבת־נחמו״, וועלן קיין „ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס״ נישט זיין — דער זאַל וועט זיין געשלאָסן. „די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס״ הייבן זיך ווידער אָן שבת דעם 21־טן אויגוסט.

172

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11 (העפט 278)    פופצנטער יארגאנג    נאוועמבער 1954 לאנדאן

אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| יוסף אפאטאשו (פאמא) | | 1 |
| די פטירה (קאפיטל פון „אין די פוילישע וועלדער") | י. אפאטאשו | 1 |
| יוסף אפאטאשו | א. נ. שטענצל | 4 |
| אפאטאשו דער דערציילער | דר. יעקב י. מייטליס | 7 |
| מאיר באלאבאן (דערציילונג) | י. אפאטאשו | 12 |
| יידיש (עסיי) | י. אפאטאשו | 17 |
| אויף אפאטאשוס פרישן קבר (ליד) | שמואל וההייס | 24 |
| יוסף אפאטאשוס גרויסקייט | י. א. ליסקי | 25 |
| אויפן פרישן קבר פון יוסף אפאטאשו | י. ביעטש | 28 |
| שוין די מנחה-שעה (פאעמע) | דוד ויידנפעלד | 31 |
| לידער פון זיך (לידער) | יוסף הלל לעווי | 32 |
| יוסף אפאטאשו, אקטאבער, פאול סעזאן, (לידער) | א. נ. שטענצל | 33 |
| דזשיגאן און שומאכער, בן ציון ווייטלער און שפרה לערער | ש. | 36 |
| די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס | | 36 |


**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אבאנענט-פרייז: — 19/6 פאר א יאר**

**אין אויסלאנד: — 5 דאלאר א יאר**

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: —

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


## „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער"

פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור אין ענגלאַנד!
ווערט לייענער פון נייעם חודש-זשורנאַל

## „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער"

וואָס דערשיינט אין בוענאָס-איירעס אונטער דער רעדאַקציע פון **משה קנאפהייס**, און רעפּרעסענטירט דאָס יידישע ליטעראַרישע אַרגענטינע פאַר דער יידישער וועלט.

אַבאָנירט גלייך די פאַרביק-אילוסטרירטע פראַכט-אויסגאַבע פאַר ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער און פילם, וואָס וועט באַשיינען אייער טיש.

אַבאָנאַמענט-פּרייז פאַר אַ יאָר: 4 דאָלאַר. ערן-אַבאָנאַמענט: פון 6 דאָלאַר אַן.

שרייבט גלייך אויפן אַדרעס:

"Hojas Literarias Ilustradas," R. Escalada de San Martin, 2670, Dto C
BUENOS AIRES, ARGENTINA.



## קייטי בראון'ס ראָמאַן „אונטערן זעלבן דאַך"

ס'האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון פאַרערער אַרויסצוגעבן קייטי בראון'ס ראָמאַן „אונטערן זעלבן דאַך" אין בוך-פאָרם. אַזוי ווי דער ראָמאַן האָט זער שטאַרק אויסגענומען ביי אַלע לעזער, און אַזוי ווי די אויסגאַבן פון אַ בוך זיינען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות, לאַדעט דער קאָמיטעט איין די יעניקע וואָס ווילן זיך באַזאָרגן מיט דעם בוך אַז זיי זאָלן אַזוי גוט זיין בייטטייערן צו דער אויסגאַבע פאַר וועלכע זיי וועלן באַקומען די ערשטע קאָפּיעס פון בוך מיט דער אונטערשריפט פון דער פאַרפאַסערין.

אַלע בייטראַגן זאָלן געשיקט ווערן אויפן אַדרעס פון קייטי בראון:
Katie Brown, 26 Chicksand Street, E.1.



**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

***MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR***

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**


*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*